מהנעשה והנשמע

# בחצר הקודש

גליון שבועי פנימי לקהל אנ"ש חסידי סקווירא

פרשת בהר
תשפ"ד

גליון לד
שנה לא

## דברות קודש

**✵ דברי הדרכה והתחזקות חוצבי להבות אש אשר נשא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א להנהלת בתי החינוך לבנות בית ציפורה דחסידי סקווירא בבארא פארק ובית טראני דחסידי סקווירא בוויליאמסבורג ובמאנסי, שנכנסו לקו"פ במוצש"ק פרשת אמור העעל"ט אחר הבדלה:**

תחילה השמיע מוה"ר **משה שמואל מלמד** מנכ"ל בית ציפורה בב"פ דברי פתיחה על שלושת בתי החינוך המצויינים של הרבי שליט"א ממאנסי וומב"ג וב"פ שתלמידות כיתה י"ב הגיעו על שב"ק שקוראים בתורה על שלוש הרגלים, וחלקן יכהנו כמחנכות וחלקן ייצאו להתפרנס אי"ה והצד השווה שבכולן שספגו חינוך של תורה עבודה וגמ"ח יראו"ש וחסידות זה ט"ו שנה בין כותלי בית החינוך, הן גם מצטיינות בעמידה חזקה על משמר הצניעות והטכנולוגיה שהרבי כל כך מתריע עליהם. נענה **כ"ק רבינו** ואמר: "ס'איז נישט מיינס א פאטענט, דער אייבירשטער שטעלט זיך אויף דעם"...

ואמר **רמ"ש** שהרבי נותן כוחות לעמוד מול הנסיונות, ומבקשים את ברכת הקודש שיוכלו לעמוד איתן ולהצליח גם הלאה ולהקים בתים נאמנים בישראל.

ואח"כ פתח **מרן אד"ש** בדב"ק ואמר:

<u>עבודת הספירה - לא להחשיך את</u>

## בתוכן

~ דברות קודש ~
לתלמידות בית ציפורה ובית טראני.......... א
~ שיחות קודש ~
עם כ"ק האדמו"ר מוויעליפאל והמחותנים..... ד
~ שבעה דנחמתא ~
עם הראי"ה טווערסקי נשיא סקווירא-ב"פ...... ז
עם הגרמ"ש ברייער אבד"ק באיאן............... ח
עם הגרל"י האגער.......................... ח
עם גאב"ד יאוואזשנא.......................... י
עם האדמו"ר מבית יצחק ספינקא................ י
עם הרא"י טווערסקי מב"פ...................... יא
עם הגר"י אייכנשטיין אבד"ק מארינפארק..... יב
עם הגר"ש גאלדבערגער אבד"ק ביקאוווסק.... יג
עם הגר"מ ברזובסקי ר"י סלונים................ יד
עם הגרי"נ וויינבערג רב סלונים-ב"פ ובנו הגר"א . טו
עם הגר"פ יונג מנהל בית רחל מאנסי........... יז
עם האדמו"ר מצאנז-זוועהיל.................... יח
עם האדמו"ר מליסקא............................ יח
עם גאב"ד טענקא................................ יט
~ בקודש פנימה ~
ביקורי אדמורי"ם ורבנים........................ כ
~ מבשר ואומר ~
מהנעשה והנשמע מקהילותינו הקדושות...... כב

חברה תורה ותפילה דחסידי סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

תיכף אחר שבועות חג קבלת התורה מתחילין חסידי סקווירא

הלכות שבת

קיצור שלחן ערוך • שלחן ערוך הרב • משנה ברורה דרשו

לימוד. חזרה. שיעורי הלכה למעשה. מבחנים.

## אור הנשמה

די גאנצע ימי הספירה זענען דאך אן הכנה צו "קבלת התורה", ווי דער חינוך (מ"ע שה) זאגט דאך; און די וואך שטייט דאך אין פסוק די פרשה פון ספירה (ויקרא כג, טו) וספרתם לכם ממחרת השבת וגו'.

ס'איז באקאנט וואס דער אור החיים הקדוש זאגט, אז אידישע נשמות זענען א בחינה פון די לוחות כמ"ש (משלי ג, ג) כתבם על לו"ח לב"ך, און דער מדרש (שהש"ר ה, א) זאגט אז די לוחות זענען געווען פון סנפירינון, פון אזעלכע טייערע שטיינער, אזעלכע דימאנטן. זאגט ער אז די אידישע נשמות שיינען, אבער טאמער מ'טוהט ח"ו זאכן וואס זענען נישט דער רצון פונעם אייבירשטן, פארטונקלט עם דעם אור אז ס'זאל ח"ו נישט שיינען.

וזהו 'וספרת"ם לכם' מיט דעם וואס מ'ציילט ספירה אין די זמנים און מ'פירט זיך אזוי ווי דער רצון פונעם אייבירשטן איז, בלייבן די נשמות שיינען לכתחילה און זיי ווערן נישט פארטונקלט.

## זריזות למצוות - ועצלות להיפוכן ח"ו

די הכנה צו קבלת התורה איז דאך סיי אין 'סור מרע' און סיי אין 'עשה טוב'. דער תורי זהב ברענגט די וואך עה"פ (ויקרא כג, לב) ועניתם את נפשותיכם וגו', אז נפשיכ"ם וואלט געמיינט דער נפש פון א רבים פון אידן, און נפשותיכ"ם מיינט די אייגענע צוויי נפשות. ברענגט ער פונעם חרדים (מצוות התלויות בארץ פ"ו) אז ס'זענען דא צוויי יצר הרע'ס: ס'איז דא איין יצה"ר וואס ווען ס'קומט צו 'עשה טוב', צום לערנען און צום דאווענען און טוהן מצוות ומעשים טובים, קילט ער אפ; און ס'איז דא איין יצה"ר וואס ווען ס'קומט ח"ו צו זאכן וואס זענעם היפוך דעם רצון פונעם אייבירשטן, ברענגט ער א זריזות און א חיות אין דעם.

מיט דעם פארענטפערט דער תורי זהב די באקאנטע קשיא, אז איינמאל שטייט (ברכות לג:) הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים, און איינמאל שטייט (כתובות ל.) הכל בידי שמים חוץ מצינים ופחים. זאגט ער אז יראת שמים און צינ"ים ופחי"ם מיינט די צוויי יצר הרע'ס כנ"ל. וזהו 'הכל בידי שמים חוץ מצינים ופחים', אז מ'דארף אליין וויסן ווען מכניע צו זיין דעם יצה"ר וואס וויל אריינברענגען א קאלטקייט און אן עצלות אין לערנען און אין מצוות ומעשים טובים, און ווען מכניע צו זיין דעם יצה"ר וואס וויל אריינברענגען א זריזות ח"ו אין זאכן וואס טויגן נישט.

וזהו 'ועניתם את נפשותיכם' דאס גייט ארויף אויף יעדן איינעם אליין, אז ביידע נפשו"ת און ביידע יצר הרע'ס דארף מען מכניע זיין: האבן א חיות און א זריזות צו מצוות ומעשים טובים, און פארקערט האבן אן ענין פון עצלות צו זאכן וואס זענען להיפוך ח"ו.

## עשה טוב - מתוך חיות והתלהבות

צו קבלת התורה דארף מען דאך האבן "מידות טובות" אויך. דער בני יששכר (אייר א, ה) ברענגט אז דערפאר שטייט נישט קבלת התורה אין בראשית, ווייל קודם דארף מען לערנען די מידות פון די אבות. דערפאר לערנט מען קודם אפ איינמאל 'פרקי אבות' ביז קבלת התורה, ווייל קודם דארף מען האבן די מידות און נאכדעם קען מען צוקומען צו קבלת התורה.

ביי די הכנה צו קבה"ת איז אויך דא אן ענין פון 'ודבריו שמעת מתוך האש (דברים ד, לו)', אז ביי קבה"ת זענען אידן צוגעקומען צו אן התלהבות און א דביקות צום אייבירשטן.

דער תולדות יצחק ברענגט אויך עה"פ (ויקרא כא, ט) ובת איש כהן כי תחל לזנות את אביה היא מחללת וגו', אז דער זוה"ק (ח"ג ז.) זאגט אז ב"ת כה"ן גייט ארויף אויף די נשמה וואס איז 'ברתא דמלכא', און לזנו"ת איז א לשון זו"ן ומפרנס. טייטשט ער מיט דעם: 'ובת איש כהן כי תחל לזנות' אויב ער וויל מפרנס זיין די נשמה דורך טוהן מצוות ומעשים טובים, 'את אביה היא מחללת' מחו"ל איז א לשון פון שמחה, איז דער אייבירשטער מקבל תענוג פון דעם וואס מ'איז זיך מחזק און מ'טוהט מצוות ומעש"ט.

'באש' טאמער מ'טוהט עס מיט א חיות און מיט אן התלהבות, 'תשרף' פארברענט דאס די אלע קליפות און די אלע ענינים וואס טויגן נישט.

## בדור פרוץ ל"ע - צריך לעשות סייג לסייג בלאו דאורייתא

מאידך גיסא דארף דאך זיין 'סור מרע' אויך אלס הכנה צו קבה"ת, ווי ס'שטייט (שמות יט, כג) 'הגבל את ההר וקדשתו', דאס איז דאך מרמז אויף די גדרים וסייגים.

דער כתר תורה ברענגט פונעם ר"ר זושא זי"ע עה"פ (שם כ, טו) 'וירא העם וינועו', אז די אידן האבן געהאט יראת שמים און זיי האבן מורא געהאט מ'זאל נישט צוקומען צו קיין מכשול ח"ו, האבן זיי פארשטאנען אז 'ויעמדו' די תורה קען נאר האבן א קיום, 'מרחוק' דורך די גדרים וסייגים.

כ'האב נעכטן דערמאנט א פלא'דיגע זאך: דער תורי

זהב טייטשט איין די הפטורה (יחזקאל מד, טו) אבער מ'וועט נישט אריינגיין אינעם פסוק יעצט, נאר דער תמצית איז אז די גמרא זאגט אין סנהדרין (מו.) אז ס'געווען א זמן וואס מ'האט מורא געהאט וועגן אן ענין פון "קדושה" און מ'האט מורא געהאט וועגן אן ענין פון "שבת", און די גמרא זאגט דארט א פחד אז מ'האט געשלאגן מלקות און נאך ערגער פון דעם אויך, דער אייבירשטער זאל אפהיטן. פרעגט די גמרא: פארוואס? ס'איז דאך געווען א "היתר גמור"! נאר וויבאלד זיי האבן געזעהן אז ס'איז א "דור פרוץ" ממילא האבן זיי געטוהן עד כדי כך.

דער תמצית וואס ער טייטשט דארט איז, אז ס'זענען דאך דא די גדרים וסייגים, אבער וויבאלד מ'האט געזעהן אז ס'איז געווען א 'דור פרוץ' האבן זיי געזאגט אז די סייגים אליין זענען אויך נישט גענוג, זענען זיי געגאנגען און זיי האבן געמאכט א "סייג לסייג"!

וזהו מאה"כ 'והכהנים הלוים בני צדוק אשר שמר"ו את משמרת מקדשי', השמ"ר איז דאך א לאו (עירובין צו.) און א"ת איז דאך א טפל (ברכות לו:), אז זיי האבן געמאכט א לאו נישט נאר פון די גדרים וסייגים, נאר אפילו 'א"ת משמר"ת מקדשי' פון דעם "סייג לסייג" האבן זיי אויך געמאכט א לאו, וויבאלד זיי האבן געזעהן אז ס'איז געווען א דור פרוץ און די גדרים וסייגים זענען נישט גענוג געווען.

ער זאגט דעם לשון אז כאטש ס'איז געווען א "היתר גמור", אבער וויבאלד ס'איז געווען א חשש אז ס'זאל צוברעכנען צו א מכשול ח"ו, אין א זמן וואס די "גאס" איז אזוי פרוץ איז איין סייג נישט גענוג נאר מ'דארף האבן א "סייג לסייג"! דערפאר האבן זיי געמאכט אן איסור לא תעשה אפילו אויפ'ן סייג לסייג אויך.

<u>הקירבה לה' - כפי ההרחקה מהנהגות הגויים</u>

דער דעת משה ברענגט עה"פ (ויקרא כ, כו) ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, אז וויפיל 'ואבדיל אתכם מן העמים', וויפיל מ'זוכט זיך דערווייטערן פון די אומות העולם, אזויפיל קען זיין דער 'להיות לי'. צוזאמען גייט עס נישט!

מ'וויל דאך זיין נאנט צום אייבירשטן, אבער דער "טערמאמעטער" צו דעם איז וויפיל דער 'ואבדיל אתכם מן העמים' איז: וויפיל מ'דערווייטערט זיך 'מן העמים', וויפיל מ'זוכט זיך צו דערווייטערן אז מ'זאל נישט האבן קיין שום שייכות צו די הנהגה פון די גויים, סיי וואס איז נוגע צום לבוש, סיי וואס איז נוגע צו די כלים המשחיתים - אזויפיל קען זיין דער 'להיות לי', דורכדעם קען מען זיין נאנט צום אייבירשטן.

<u>קיום התורה ע"י מסורת האבות - שמעוררת זכותם</u>

אין די אלע דורות איז דאך אלעם געווען נאר די מסורה וואס מ'האט מקבל געווען פון די פריערדיגע. די ספה"ק ברענגען אז טאמער מ'וויל וויסן וואס מ'דארף טוהן און וואס איז איבריג, קען דאס נאר זיין דורך די "מסורה". די גאנצע תורה איז דאך איבערגעגאנגען אזוי: משה קיבל תורה מסיני ומסר"ה ליהושע ויהושע לזקנים וכו' (אבות א, א), די גאנצע תורה קען נאר האבן א קיום אויב מ'גייט לויט די מסורה.

דער טאטע ז"ל פלעגט כסדר נאכזאגן פונעם עבודת ישראל אין פרשת ואתחנן עה"פ (דברים ד, לז) ותחת כי אהב את אבותיך ויבחר בזרעו אחריו ויוציאך בפניו, דער תמצית זאגט ער אז יעדע פעולה וואס מ'טוהט, א מנהג אדער אן הנהגה וואס די פריערדיגע אבות האבן געטוהן, אפילו אונז זענען ווייט און ס'האט דאך נישט די זעלבע שייכות צו דאס שלימות פון זייער עבודה, 'ויבחר בזרעו אחרי"ו' אפילו אויב די קינדער זענען בבחינת אחרי"ו, 'ויוציאך בפני"ו' ווערט נתעורר זייער זכות אויך און מ'ווערט א בחינה פון פני"ם.

ער ברענגט א משל פון א פייער [שמדליק את הנר הנכבה למטה ע"י העשן העולה], אז וויבאלד מ'טוהט אן עובדא פון א צדיק, ווערט נתעורר דער זכות פונעם צדיק אויך.

<u>המנחיל את מסורת האבות לזרעו אחריו - חביב אצל הקב"ה</u>

אונז האבן דאך נישט קיין השגה אין די זאכן, אבער אויף אברהם אבינו שטייט דאך (בראשית יח, יט) 'כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו'. דער אייבירשטער כביכול זאגט אז ער האט ארויסגעוויזן זיין חביבות צו אברהם אבינו, ווייל ער האט געטוהן אז זיינע הנהגות זאלן זיך נישט ענדיגן, נאר ער האט אריינגעלייגט כוחות אז די הנהגה זאל בלייבן ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך אויך.

זעהט מען דאך אז דער ענין איז זייער חשוב ביים אייבירשטן. אויב מ'האלט א זאך חשוב, און מ'וויל אז ס'זאל בלייבן ביי די קינדער און די אייניקלעך אויך, האט עס א חביבות ביים אייבירשטן. אויב מ'איז זייער לייכט דאס אוועקצוגיבן, איז עס א סימן אז ס'איז שוואך ביי איהם אויך. אויב מ'האט אן אמת'ע חביבות צו א זאך, איז מען

משתדל אז די קינדער און די אייניקלעך זאלן אויך זיין אזוי.

**המוסיף גדרים וגם מתגבר על קשיים - שכרו כפול בעוה"ז**

אז מ'גרייט זיך צו צו קבה"ת האט עס א חשיבות ביים אייבירשטן, און כ'זאג אלעמאל נאך ווען מ'רעדט פון גדרים וסייגים, אז ס'שטייט אין ספר חסידים (סי' רי) און דער מהרש"א און דער בני יששכר ברענגען עס, אז סתם אזוי איז 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:)' ווייל דער שכר פאר א מצוה האט מען אויף יענע וועלט, אבער אויף דעם וואס מ'איז מוסיף גדרים וסייגים, דוקא אויף דעם איז יא דא שכר מצוה אויף דער וועלט אויך.

און טאמער ס'איז א זאך וואס קומט אהן אביסל שווער, האט עס אן עקסטערע חשיבות ביים אייבירשטן! כמ"ש (בראשית מט, יד) 'יששכר חמור גרם', אז דער עיקר שכ"ר וואס דער אייבירשטער גיבט און דער עיקר תענוג וואס דער אייבירשטער האט, איז דוקא דורכדעם וואס ס'קומט אהן אביסל שווער. דער מאור עינים (יתרו) זאגט אויף 'נעשה ונשמע' אז קודם דארף עס זיין מיט 'יגיעה', ווייל אהנדעם וואלט עס געווען א "תאוה כשאר תאוות"...

ממילא אויב ס'איז א זאך וואס קומט אהן אביסל שווער, און מ'איז זיך מתגבר מיט די גדרים וסייגים, קומט דאך אויס אז מ'באקומט "דאפלט" שכר מצוה בהאי עלמא!

**בימי הכנה לקבה"ת - הזמן מסוגל לשידוכים חסידיים והגונים**

מ'רעדט פון קבלת התורה - ביי קבה"ת זענען דאך נמשך געווארן אלע השפעות טובות: דער מאור עינים זאגט די וואך (אמור) אז שבועות איז נישט אן התעוררות הזמן נאר "כי בכל חג שבועות אנו מקבלים התורה", און ער לייגט צו "ואין לך תענוג כקבלת התורה".

דער באררדיטשובער רב זי"ע ברענגט אויך על מאחז"ל (פסחים סח:) 'הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכ"ם', אז חוץ די אלע השפעות רוחניות וואס ווערן נמשך פון קבלת התורה, ווערן נמשך אלע השפעות טובות בגשמיות אויך: אורך ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד, רפאות תהי לשרך וגו'.

אז מ'גרייט זיך צו קבה"ת איז דאך עס א זמן מסוגל אויף גוטע שידוכים, כמ"ש (דברים לג, ד) ואמחז"ל (ברכות נז.) אל תקרי מורש"ה אלא מאורס"ה, וכמ"ש (תענית ד, ח) ביום חתונת"ו זו מתן תורה. זאל דער אייבירשטער העלפן סיעתא דשמיא, און אין דעם זכות זאל זיין נשיאות חן מיט הצלחה, גוטע חסיד'ישע שידוכים לייטישע, מיט אלע השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות אי"ה.

# שיחות קודש

**✵ תוכן השיחה של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עם המחותנים כ"ק האדמו"ר מוויעליפאל שליט"א ובנו הרה"ג ר' שלמה אברהם צבי פרענקל שליט"א אבד"ק וויעליפאל בלעיקוואוד, ב'ווארט' של החתן יעקב יוסף בן פרע"ח הרב חיים מאיר בהראמ"מ עב"ג למז"ט בביתו נאוה קודש, ביום שלישי פרשת בהר העעל"ט לפנות ערב:**

**אדמו"ר שליט"א:** לכתחילה וויל מען אנהייבן פאר 'צוויי און זיבעציג' [כי בלילה כבר יום ד' בשבוע ואין מתחילים בב"ד (יו"ד קעט, ב)]. הגם ס'איז ב"ה נישט דאס ערשטע מאל [שכבר נערכו מסיבות לרגל גמר השידוך אצל אבי הכלה]...

וטעם **רבינו** לקח וויין ואיחל לחתן ולמחותנים והסבים: לחיים, דאז"ה ס'זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, א קשר של קיימא א בנין עדי עד מיט א דור ישרים יבורך, נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, דער חתן זאל קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת, דער זכות פון די זיידעס זאל מגין זיין.

ניגנו 'אשרי העם', 'עוד ישמע', 'אודה השם מאוד בפי', ואח"כ נענה **רבינו:** ס'איז נאך אין די דריי טעג פון דעם ראפשיצער רב'ס הילולא [י"א אייר], דער חתן און די כלה זענען ביידע אייניקלעך פונעם ראפשיצער רב זי"ע[א].

**האדמו"ר מוויעליפאל:** און חוץ דעם איז דער וויעליפאלער זיידע הרה"ק רבי שלמה זלמן יוסף מוויעליפאל זי"ע אויך געווען א תלמיד פונעם

---

א. סב החתן כ"ק רבינו שליט"א הוא חתן הרה"ק הישועות משה מויז'ניץ בן הרה"ק האמרי חיים מויז'ניץ בן הרה"ק האהבת ישראל מויז'ניץ חתן הרה"ק האמרי נועם מדזיקוב בן הרה"ק רבי אליעזר'ל מדזיקוב בן הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע בעל זרע קודש.

סב הכלה כ"ק האדמו"ר מוויעליפאלי שליט"א הוא בן הרה"ק ר' בנציון מוויעליפאלי זצ"ל נכד הרה"ק רבי אברהם [בן הרה"ק רבי שלמה זלמן יוסף] מוויעליפאלי זי"ע, ורבי אברהם היה חתן הרה"ק רבי יעקב ממעליץ בן הרה"ק הזרע קודש מראפשיץ זי"ע.

סב החתן הגא"ל רובין אבד"ק גלאגוב זצ"ל הוא נכד בן אחר בן של הרה"ק רבי מנחם מענדיל מגלאגוב זי"ע בן הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע חתנו וממלא מקומו של הרה"ק הזרע קודש מראשפיץ זי"ע.

וסב הכלה כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א הוא בן הרה"ק רבי אברהם בן הרה"ק רבי יושע העשיל מזידיטשוב זי"ע חתן הרה"ק רבי אלטר זאב מסטריזוב בן רבי אברהם משענדישוב בן רבי יעקב ממעליץ בן הרה"ק מראפשיץ זי"ע.

ראפשיצער רב.

**אבי הכלה אבד"ק וויעליפאל-לעיקוואוד:** דאס גאנצע וויעליפאלער רבנות איז געקומען פון ראפשיץ, ווייל ס'איז אין די גלילות פון ראפשיץ. וויעליפאל איז קודם געווען א דארף, און צוביסלעך האבן זיך אידן אריינגעצויגן דארט. זענען זיי געקומען צום רבי'ן דער ראפשיצער רב און געזאגט: ס'וואוינען שוין דארט זעכציג משפחות און מ'קען נישט לעבן אהן א רב. מ'דארף אלעמאל לויפן קיין ראפשיץ. דעמאלס האט דער ראפשיצער רב געשיקט דעם וויעליפאלער זיידן ער זאל ווערן רב אין וויעליפאל.

דער וויעליפאלער זיידע איז געווען אן איידעם ביי הג"ר יוסף מרגליות זצ"ל אבד"ק פאטשינוב, און ער איז אויך געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב. האט דער ראפשיצער רב געזאגט אז מ'זאל אויפנעמען רבי יוסף מרגליות אלס רב אין וויעליפאלי. דערווייל ממש תוך השנה איז זיין פאטער הג"ר יעקב מרגליות זצ"ל וועלכער איז געווען רב אין פאטשינוב נפטר געווארן ל"ע, און דאס איז געווען אסאך א גרעסערע שטאט ווי וויעליפאלי - האט מען אהינגערופן רבי יוסף'ן ער זאל ווערן רב אין פאטשינוב במקום דעם טאטן. דעמאלס האט דער ראפשיצער רב געהייסן מ'זאל אויפנעמען דעם איידעם רבי שלמה זלמן אלס רב אין וויעליפאלי.

**אדמו"ר שליט"א:** אפאר חדשים צוריק ווען כ'בין געווען אין קראקא, איז מיר פונקט אויסגעקומען צו זיין ביים ציון פונעם ראפשיצער רב אין לאנצוט. ס'איז געווען א גרויסע שניי און א שווערע וועטער און ס'איז געווען שווער צוצוקומען ביז צום ציון אליין, אבער כ'בין געגאנגען כמעט ביז דארט און מ'האט געעפנט דעם טיר פונעם ציון.

**אבד"ק וויעליפאל-לעיקוואוד:** ס'איז זייער שווער ארויפצוקריכן דעם בארג דארט אין לאנצוט. ס'איז אינטערעסאנט אז דער ראפשיצער רב ליגט אין לאנצוט, ווייל ס'איז נישט ווייט פון ראפשיץ - נאר ווען ער איז געווען נישט געזונט ל"ע האט ער געהייסן מ'זאל איהם אריבערטראגן קיין לאנצוט, און מ'האט איהם דארט געלייגט.

**אדמו"ר שליט"א:** פאר'ן גיין צום ציון האב איך דערמאנט דארט, אז דער ראפשיצער רב זי"ע איז געווען אמאל ביים ר"ר אלימלך מליזענסק זי"ע, ער איז דאך געווען א תלמיד, און דער ר"ר אלימלך איז געווען זייער טרוד אין העכערע זאכן. איז צוגעקומען א איד און ער האט געזאגט אז ער מוז אריינגיין צום רבי'ן. דער ראפשיצער רב האט געזעהן אז ער איז זייער א פשוט'ער איד און ער האט נישט געהאט קיין חשק אז ער זאל שטערן דעם ר"ר אלימלך, און ער האט געוואוסט אז דער איד ווייסט נישט ווער ס'איז דער ר"ר אלימלך און ווער ס'איז דער ראפשיצער רב... האט ער איהם געבעטן ער זאל איהם זאגן וואס ער וויל - כאילו ער איז דער ר"ר אלימלך.

האט דער איד איהם געזאגט אז ער האט אן ארענדע און דער פריץ דארט ממש רודפ'ט איהם און ס'קומט אויס אז ער נעמט איהם ממש אוועק די גאנצע פרנסה, און ער קען נישט אויסהאלטן מער. האט דער ראפשיצער רב איהם אויסגעפרעגט, און הערנדיג אז ס'איז א גוי האט ער איהם אנגעוואונטשן: "אז ער איז א גוי זאל ער האבן א מיתה משונה או ער זאל דיר גארנישט קענען טוהן קיין שלעכטס".

כך הוה טאקע: יענע נאכט איז דער גוי געגאנגען אין וואלד, און ער איז נישט צוריקגעקומען... א טאג שפעטער איז דער איד געקומען צום ר"ר אלימלך און ער האט געוואלט גיבן א יישר כח פאר דעם. דעמאלס איז יא געווען א זמן וואס מ'האט געקענט אריינגיין, איז ער אריינגעקומען און ער האט געזעהן אז ס'איז עפעס נישט דער זעלבער רבי... האט דער ר"ר אלימלך געפרעגט וואס ער וויל. האט ער געזאגט אז ער האט געוואלט גיבן א יישר כח אבער ער זעהט אז ס'איז נישט ממש דער זעלבער רבי... בקיצור, דער ר"ר אלימלך האט באלד געכאפט אז דאס איז געווען דער ראפשיצער רב וואס האט פשוט נישט געוואלט מ'זאל איהם שטערן, האט ער איהם אריינגערופן און געפרעגט: "דו האסט זיך אויך אויסגעלערנט די קונצן אזוי שנעל? אז אין איין נאכט האסטו איהם ערלעדיגט?"... האט דער ראפשיצער רב געענטפערט: "כ'האב איהם ערלעדיגט? כ'האב רחמנות געהאט אויפ'ן רבי'ן און כ'האב נישט געוואלט אז מ'זאל שטערן דעם רבי'ן, האב איך נישט געהאט קיין ברירה און כ'האב איהם געמוזט אנוואונטשן"...

**האדמו"ר מוויעליפאל:** דער וויעליפאלער זיידע זי"ע האט זיך אמאל משדך געווען מיט'ן שר שלום מבעלזא זי"ע. מיין טאטע [האדמו"ר רבי בנציון מוויעליפאלי זצ"ל] האט געהאט אן עלטערער ברודער האדמו"ר רבי שלמה זלמן מוויעליפאלי זצ"ל וואס האט געוואוינט אין די איסט

סייד.

**אדמו"ר שליט"א:** דאכט זיך מיר אז ער איז געווען אמאל אין קאנטרי צוזאמען מיט'ן טאטן ז"ל, אין סאראטאגע. כ'געדענק אז ער איז געווען דארט.

**האדמו"ר מוויעליפאל:** יא, זיי פלעגן פארן קיין סאראטאגע.

**סב החתן הרה"צ רבי אהרן מענדיל:** פון שטאט פלעגט דער זיידע ז"ל פארן קיין סאראטאגע, אבער פון שטעטל שוין נישט.

**האדמו"ר מוויעליפאל:** האט דער פעטער מיר דערציילט אז ווען ער איז געווען א יונגערמאנ'טשיק נאך פארן ערשטן קריג איז ער געווען ביי הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע. ווען ער האט איהם געזאגט ווער ער איז, האט דער פריערדיגער בעלזער רב איהם געזאגט: "מיר זענען דאך מחותנים". ער אליין האט נישט געכאפט וויאזוי זיי זענען מחותנים, האט רבי ישכר דוב איהם געזאגט אז דער וויעליפאלער זיידע האט זיך משדך געווען מיט'ן שר שלום, נאר ס'האט דאך געדויערט צייט ביז מ'האט חתונה געמאכט, און ליידער איז די כלה געווארן נישט געזונט ל"ע און זי איז נישט אנגעקומען ביז צו די חתונה - און ער האט אויסגעפירט: "אבער מחותן בלייבט מען"...

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז א צווייטע זאך אבער דעם טאטן ז"ל'ס עלטסטע שוועסטער מזיווג ראשון [של אביו מרן מהר"ד זי"ע], איז געווען א כלה מיט'ן ינוקא הרה"ק רבי ישראל סטאלינער זי"ע - און ליידער איז אויך געווען אזוי אז זי איז אוועק ל"ע פאר די חתונה. זי איז געווען א גרויסע בעלת דעת און זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע האט געזאגט אויף איר: "יוסיף דעת יוסיף מכאוב".

אבער ווען דער סטאלינער איז געווען א חתן איז ער דאך נאך געווען א קינד, האבן די סטאלינער חסידים פון טבריה געשריבן א מזל טוב צו רבי איציקל סקווערער. וויבאלד ער האט נאך געלעבט איז ער געווען 'דער מחותן'. האב איך דעם בריוו וואס רבי איציקל סקווערער האט געענטפערט פאר'ן עולם דארט אין טבריה אויפ'ן מזל טוב, און ער שרייבט אז זיי זאלן זיך האלטן אינאיינעם און ער האפט אז דער חתן וועט אויסוואקסן וכו'. ער איז זיי שטארק מחזק און ער וואונטשט זיי. א איד האט מיר געטוהן א טובה און ער האט מיר געקויפט דעם בריוו פאר א הון רב.

**האדמו"ר מוויעליפאל:** דער שר שלום האט געזאגט גרויסע זאכן אויף מיין וויעליפאלער זיידע. דער וויעליפאלער זיידע האט דאך געהאט צוטוהן מיט'ן צאנזער רב זי"ע, ווייל ער איז געווען א גרויסער בעל מופת און דער צאנזער רב האט אביסל געהאקט אויף די מופתים. האט ער געזאגט פאר'ן שר שלום: "דער צאנזער רב איז שארף קעגן מיר?". האט דער שר שלום אראפגעלייגט די קאפ אויף די הענט, און נאכדעם געקוקט אויף איהם און געזאגט: "כ'האב דורכגעקוקט ביי אייך און איהר זענט ריין אין אלע אייערע גלגולים, ס'נישטא וואס חושש צו זיין". כ'האב געהערט די מעשה פון עטליכע מקורות.

**הרה"צ הראמ"מ:** ער ליגט אין קראקא נעבן דעם מאור ושמש זי"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב געהערט אויך א צווייטע זאך פונעם ראפשיצער רב זי"ע, אז ער איז געווען אמאל ביים ר"ר אלימלך, און דער ר"ר אלימלך האט איהם געפרעגט ער זאל איהם זאגן ווער איז דער שוואכסטער איד ביי איהם אין שטאט. האט ער אנגעכאפט אויף איינעם וואס איז געווען גאר שוואך ל"ע. האט דער ר"ר אלימלך איהם נישט געגיבן קיין שלום. האט דער ראפשיצער רב זיך געכאפט און ער האט געזאגט: "יעצט אז איך בין יעצט דא איז יענער דער שוואכסטער איד, אבער ווען איך בין דארט בין איך דער שוואכסטער איד". אויב אזוי האט דער ר"ר אלימלך איהם שוין געגיבן שלום!..

ווייזט אויס אז ווען ער האט געזאגט אויף א צווייטן אז ער איז שוואכער פון איהם, איז דער ר"ר אלימלך נישט צופרידן געווען...

**אבד"ק וויעליפאל-לעיקוואוד:** לכתחילה האט דער ר"ר אלימלך בשום אופן נישט געוואלט נעמען דעם ראפשיצער רב פאר א תלמיד. ווען ער איז געקומען קיין ליזענסק האט ער איהם נישט אריינגעלאזט. האט דער ראפשיצער רב אריינגעשיקט פרעגן: מה פשעי ומה חטאתי? וואס האב איך דא געטוהן? האט דער ר"ר אלימלך געזאגט: "דו ביסט צי א גרויסער יחסן פאר מיר, כ'קען נישט אנקומען מיט יחסנים". ער האט געהאלטן אז א יחסן קען נישט זיין קיין עניו. האט דער ראפשיצער רב זיך אראפגעווארפן און געוויינט: "וואס בין איך שולדיג אז כ'האב געהאט גרויסע זיידעס?". האט ער איהם אריינגענומען...

**האדמו"ר מוויעליפאל:** דער נועם אלימלך רעדט וועגן

דעם אין פרשת אמור[ב].

**אדמו"ר שליט"א:** אונז האבן דאך נישט קיין השגה אין דעם, אבער ס'איז אינטערעסאנט אז דער ראפשיצער רב האט געהאט אן עבודה מיט 'ווערטליך', און א טאג פריער [י' אייר] איז דער יארצייט פונעם טאלנער זי"ע וואס זיין עבודה איז אויך געווען אלץ מיט 'ווערטליך'.

**הרה"צ הרא"מ:** כ'וויל נישט ארויסזאגן די היינטיגע ספירה, אבער מ'זאגט נאך א ווערטל אז דער ראפשיצער רב האט געזאגט אמאל אום פסח שני: "ס'קומט זיך אונז א מזל טוב, תנחום איז געווארן א חתן". ווייל ביי די ספירה ביי למנצח בנגינות איז דער טאג דאסווארט 'תנחם' און ביי אנא בכח איז דאס ווארט 'חסין'.

מען זעהט אז אין ראפשיץ האט מען אויך געזאגט 'חסין' מיט א קמ"ץ. די וועלט זאגט 'ח‍ַסין' מיט א פתח, אבער ביי אונז זאגט מען אויך 'ח‍ָסין' קדוש...

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז א פלא'דיגע זאך אז דער טריסקער מגיד זי"ע ברענגט איינמאל דעם ראפשיצער רב זי"ע אין ספר (מג"א, משפטים). ער איז דאך געווען כמעט אינעם זעלבן דור, און דער טריסקער מגיד ברענגט נישט אזוי ווייט אפילו פון פריערדיגע אויך, און ער ברענגט א ראשי תיבות פון זרע קודש און ער בויט אויף דעם[ג].

וסיפר רבינו על הטלגראם של הרה"ק משינאווא להגה"צ מנאסויד שיסע להרה"ק מטאלנא כי הוא צדיק אמת וכו'.

והתעניין רבינו על מצב בריאות חותנו כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב-שיקאגו שליט"א לרפו"ש.

**אבד"ק וויעליפאל-לעיקוואוד:** מ'דארף נאך רחמי שמים אבער ב"ה ס'איז געווארן אסאך מער סטאבילעזירט. ב"ה אז מיין שוויגער הרבנית תחי' איז דא, דאס אליין איז א חסד פונעם אייבערשטן. ס'איז שוין דאס דריטע אייניקל קע"ה וואס מיין שווער איז זיך משדך מיט'ן רבי'ן. דאז"ה ער זאל זיך קענען משתתף זיין ביי די שמחה.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, די שמחה זאל טאקע משפיע זיין רפואות אויך אי"ה. ס'איז א חודש פון רפואות: די וועלט זאגט אז איי"ר איז ראשי תיבות א'ני י"י ר'ופאך, און דער בני יששכר (אייר א, ג) ברענגט אז די צוויי יודי"ן זענען א כ', איז עס אר"ך וואס איז איינס פון די לשונות פון רפואה, דער שורש פון ארוכ"ה ומרפא. דאס איז אהן קיין ראשי תיבות.

ניגנו 'בורא עולם בקנין' ו'קה זכות אבות יגן עלינו', ולבקשת המחותן אבי הכלה מסר רבינו את שעון הכיס עם שרשרת הזהב כמתנה להחתן-דנן, והזכיר רבינו את מכתב מרן ז"ל בעת שליחת השעון לחתנו האדמו"ר מרחמס"ט זצ"ל בו מדגיש יותר את 'שרשרת הזהב' שתימשך בזכות האבות הק'. וכאשר מסר את השעון להחתן אמר רבינו בצחות: דאס איז בשליחות פונעם מחותן, ס'איז דאך נישט מיינס, כ'האף אז דער שליח וועט נישט קאליע מאכן...

ודן רבינו אם נחשב כ'פסול לעדות' להעיד בשבח נינו החתן וכו'. ואח"כ יצאו למסיבת האירוסין המרכזית.

**✵ תוכן שיחות ומאמרי קודש, דברי חיזוק ויסודי אמונה, עובדות וסיפורים יקרים, בעת ביקורי התנחומים של גדולי ישראל שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א על פטירת הרבנית הצ' ע"ה.**

**הרה"צ ר' אברהם יהושע העשיל טווערסקי שליט"א נשיא מוסדות סקווירא-בארא פארק.:**

**<u>יום רביעי תצוה אחה"צ</u>**

**הראי"ה טווערסקי:** די באבע הרבנית חוה גאלדא'ס

---

**ב. וזל"ק בנוע"א שם:** "דהנה יש ב' גווני צדיקים, יש צדיקים שנתקדשו מאבותיהם שהיו קדושים ויראים ושלימים והתורה מחזרת על אכסניא שלה ויש צדיקים הנקראים נזירים על שם פרישותם מעצמם אע"פ שהם בני עניי הדעת, והצדיקים ההם לא במהרה הם יכולים ליפול ממדרגתם הקדושה כי אין להם על מה שיסמוכו והם נכנעים בדעתם ומשגיחים על עצמם בעינא פקיחא תמיד בלי הפסק אבל **הצדיקים הקדושים שנתקדשו מאבותיהם אף שהם מלאים תורה ומצות מחמת זכות אבותם מסייעתם, לפעמים יכולים לבא עי"ז פניה וגדלות מזה ויפלו מהר ממדרגתם.**

"וזהו 'אמור אל הכהנים בני אהרן', פירוש רמז לאותן צדיקים אשר הם בני צדיקים והם נקראים כהנים בני אהרן, **תזהיר אותם מאד שלא יעלה על מחשבתם כלל יחוס אבותיהם, רק ינזרו ויפרשו לעצמם פרישות מחדש ויבחרו להם הדרך הטובה** וזהו 'דבר אל אהרן ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל', ר"ל שגם הם יהיו נזירים ופרושים מעצמם **וישגיחו ג"כ על עצמם מאוד ולא ישגיחו על זכות אבותם כדי שלא יבא להם חלילה איזה התנשאות מחמת יחוסיהם** ותועבת ד' כל גבה לב" יעו"ש עוד.

**ג. וזל"ק במג"א שם: "איתא בספר של הה"ק מראפשיץ זצוקללה"ה שראשי תיבות ו'אלה ה'משפטים א'שר ת'שים ל'פניהם הם אותיות לתאו"ה, וסופי תיבות ואל'ה המשפטי'ם אש'ר תשי'ם הם אותיות מרמ"ה שהוא נוט' מ'שתכלה ר'גל מ'ן ה'שוק** עכ"ל. והענין היא כי הגאוה היא מדה רעה מאוד וכו', שהבעל גאוה כל התורה ותפילה שלו היא רק כמו תאוה חיצונית ח"ו" יעו"ש בארוכה.

יארצייט איז געווען דעם ערשטן טאג חוה"מ סוכות. מ'האט זיך געוואשן כסדר צו א סעודה אלס חוה"מ, און דער זיידע מרן רבי דוד'ל סקווערער זי"ע האט נישט געגיבן פאר אירע קינדער צו בענטשן, ווייל מ'האט דאך נישט געמאכט קיין סעודת יארצייט ביי א מאמע - פלעגט ער אלס גיבן פאר'ן פעטער דער רבי ז"ל צו בענטשן, אלס די אושפיזא דיעק"ב. ער האט נישט געגיבן פאר די קינדער ווייל ער האט נישט געהאלטן אז ס'איז א יארצייט סעודה...

כ'האב אויך געהערט אז דער זיידע מרן מהר"ד ז"ל פלעגט מאכן איין סעודה חול המועד פאר די געסט וואס זענען געקומען אויף יו"ט. און אויב די סעודה איז אויסגעפאלן אין אושפיזא דיוס"ף, האט ער נאכאמאל געגיבן בענטשן פאר'ן רבי'ן ז"ל - אפילו ער האט שוין געבענטשט ביי יעקב'ס אושפיזא!

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב פונקט דערמאנט נעכטן אז דער טאטע ז"ל האט אמאל געגיבן פאר איינעם דעם נאמען 'חוה גאלדא', כאטש ס'איז נישט געווען זיין באבע [משום כבוד אביו].

**הראי"ה טווערסקי:** דער באיאנער רבי הרה"ק רבי מרדכי שלמה זצ"ל איז אמאל געווען ביים פעטער דער רבי ז"ל, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען האט דער רבי ז"ל געפרעגט פונעם איידעם כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא זצ"ל: "פון וואו קומט דאס עניוות און דאס פשטות צו א רוז'ינער קינד, א באיאנער קינד?". האט דער איידעם געענטפערט: "דאס איז מסתמא פון ראחמיסטריווקא"...[ד]

האב איך געטראכט אז די רביצין ע"ה איז דאך אויך געווען אזוי, מסתמא איז עס געקומען פון ראחמיסטריווקא און טשערנאביל...

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דאז"ה די זכותים זאלן מגין זיין.

**הראי"ה טווערסקי:** מיין מאמע [הרבנית תליט"א אלמנת כ"ק האדמו"ר מסקווירא-בארא פארק זצ"ל] איז דא געווען נעכטן, און זי האט ממש נישט געקענט רעדן!.. דאס נאנטשאפט וואס איז געווען צווישן זיי איז געווען אויסטערליש.

## הרה"צ ר' מרדכי שלמה ברייער שליט"א רב דחסידי באיאן בארה"ב בשליחות אביו כ"ק האדמו"ר מבאיאן שליט"א

**אדמו"ר שליט"א:** מסתמא ווייסט איהר שוין דערפון, אז יענע שמיני עצרת ביינאכט ווען ס'איז אנגעקומען די ידיעה אז מ'האט אריינגעפירט דעם באיאנער רבי'ן ז"ל אין שפיטאל, איז דער טאטע ז"ל נישט געגאנגען צו די הקפות ביז ס'איז אנגעקומען א ידיעה אז ס'איז שוין בעסער געווארן! און נאכדעם אינדערפרי האט ער געמאכט א 'מי שברך' פאר איהם. כ'געדענק נישט אז דער טאטע ז"ל זאל מאכן א 'מי שברך' לחולה ביי א ספר תורה. ס'איז נישט געווען דער סדר אזוי.

**הרה"צ הראמ"מ:** און ביי די הקפות האט ער אויך געזאגט תהלים צווישן איין הקפה און די צווייטע.

**הרה"צ הרח"מ:** מ'האט געטראפן יעצט א בריוו וואס די באבע הרבנית טראני ע"ה שרייבט פאר'ן בילגורייער רב זצ"ל ווען דער זיידע מרן ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקא, אז "די שמחה וואס דער באיאנער רבי האט געהאט אז דער זיידע ז"ל איז געקומען, דאס קען מען נישט אויסמאלן"[ה].

## הרה"צ ר' לוי יצחק האגער שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-לאנדאן שליט"א

**הגרל"י האגער:** מיין טאטע שליט"א זאגט אז ער האט שוין גערעדט פון לאנדאן אויפ'ן טעלפאן, אבער ס'איז

---

**ד.** ראה 'אמירא דכוותא' (תרומה תשפ"ד עמ' יג) שסיפר כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא-מאנסי שליט"א חדב"ן: "סיפר לי כ"ק אאמו"ר זצוק"ל שפעם דיבר כ"ק אאזמו"ר מסקווירא זצוק"ל אודות כ"ק אדמו"ר מבאיאן זצ"ל והתפלא עליו באומרו שאינו מתנהג בדומה לשאר צאצאי בית רוז'ין. אמר לו אאמו"ר ז"ל: **"הרי הוא א ראחמיסטריווקער קינד"**, שהרי אמו היתה בת הרה"ק רבי יוחנן מרחמס"ט זי"ע. ונהנה אא"ז מרן ז"ל מההסבר: **"אה, אה!"**...

"היתה אהבה עזה בין הרה"ק מבאיאן זצ"ל לכ"ק אאזמו"ר מסקווירא זצוק"ל. הגם שלא הכירו מקודם מלפני המלחמה כי אם כאן בארה"ב, אמנם האהבה היתה ממש באופן נפלא. וסיפר לי כ"ק אאמו"ר זצוק"ל כי **כמה פעמים כשהיו מסובים ביחד בשמחות, היו אוכלים מקערה אחת לגודל האהבה שהיתה ביניהם.** שמעתי מהרה"ח ר' מרדכי שווארץ ע"ה כי בעת חתונת הרה"צ ר' פינחס שלום ז"ל שהיה באיסט-סייד, כשנכנס כ"ק אאזמו"ר מסקווירא ז"ל לסעודת החתונה שאל אותו כמה פעמים: **"דער באיאנער רבי איז נאכנישט דא!"**. הרה"ק מבאיאן שהתגורר במאנהעטן הלך לביתו לתפילת מעריב וכדו' ולא היה שם בתחילת הסעודה, ואא"ז שאל עליו כמה פעמים שלא כדרכו. ולכן כאשר נכנס הבאיאנער רבי להאולם אמר לאא"ז ז"ל שהגיע. **מיד נעמד אא"ז ז"ל ממקומו והלך לקראתו לקבלו,** דברים שלא היו כדרכו כלל".

**ה.** וז"ל הרבנית טראני ע"ה במכתב לדודה הגה"צ מבילגורייא זצ"ל בא"ד: "איצט דודי יקירי, ביזטו אוודאי נייגעריג וויאזוי איך פיל זיך אין אמעריקא. דאס ערשטע ת"ל דער וועג איז געווען קען הייסען ניט קשה, אביסעל איז גיווען שוועהר אויך, נאר ת"ל מען איז עס שוין דורך גיגאנגען. דער אנקום ב"ה מיר האבען זיך גיזעהן מיט דער משפחה, אלע האבען זיך מיט אונז שטארק גיפרייד, **נאר אויסמאהלען דיר די שמחה פונעם ביאנער רבי'ן ווען ער האט גיזעהן אישי שליט"א, דאס קען איך ניט געמאהלען"**.

נישטא קיין אלטע מסורה אז מ'איז יוצא ניחום אבלים אויפ'ן טעלפאן - אבער אויף בריוון איז יא דא אן אלטע מסורה, האט ער נאכדעם געשיקט א בריוו אויך... ומסר את מכתב אביו.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'געווען 'דברים היוצאים מן הלב'. זדא"ה ער זאל קענען טוהן מצוות ומעשים טובים און ס'זאל נמשך ווערן שמחה בכלל ובפרט אי"ה.

**הגרל"י האגער:** נאך די פטירה פון מיין זיידע כ"ק האדמו"ר התורת מרדכי מוויזשניץ זצ"ל, האב איך מסדר געווען הונדערטער בריוון וואס זענען געבליבן פונעם אמרי חיים זצ"ל און די רביצין ע"ה, און פונעם ישועות משה זצ"ל. האב איך געזעהן דארט אין זייער אסאך בריוון פון נאך די חתונה [של כ"ק רבינו שליט"א] אום תשי"ט, דאס "בענקשאפט" וואס זיי האבן געהאט צו די רביצין ע"ה. דער אמרי חיים און די רביצין און דער ישועות משה, אין אלע זייערע בריוון זענען זיי פארנומען: "וואס הערט זיך אין סקווירא?", מ'זאל שרייבן מער בריוון פון דא וכו', אלעס מיט א געוואלדיגע בענקשאפט!..

ס'איז דא אפילו איין בריוו פון איינמאל ווען די רביצין ע"ה איז געווען אויף א באזוך אין ארץ ישראל און זי איז אהיימגעפארן קיין אמעריקא. גלייך ווען זי איז ארויסגעפארן פון בני ברק האט די אלטע רביצין מרגלית ע"ה געשריבן אין א בריוו: "ס'בענקט זיך שוין נאך איר!"...

כ'האב געזעהן אז דער מאירי שרייבט אין זיין פירוש אויף תהלים, אז דער מדרש (ב"ר נט, ה) זאגט אז קאפיטל מ"ה אין תהלים איז געזאגט געווארן אויף אברהם אבינו. זאגט דער מאירי עה"פ (שם, יא) 'ושכחי עמך ובית אביך', אז אברהם אבינו האט געזאגט פאר רבקה אז ווען זי גייט צו יצחק זאל זי פארגעסן אלע בענקשאפטן אהיים, און אזוי קען מען אויפשטעלן א מלוכה ווי ס'שטייט דארט ווייטער 'תבואינה בהיכל מלך'.

די רביצין ע"ה האט מקיים געווען דעם גאנצן ענין... ס'איז מסתמא נישט געווען קיין גרינגע זאך.

**אדמו"ר שליט"א:** זי האט מקיים געווען דאס וואס מ'זאגט, אבער ס'האט נישט געמוזט זיין אינגאנצן 'ושכחי' אויף אויפצושטעלן וואס זי האט אויפגעשטעלט..!

**הגרל"י האגער:** ס'זענען דא דריי בריוון אהין און צוריק וועגן דעם שידוך אויך, ביז מ'האט אויסגעארבעט וואו און וויאזוי ס'זאל זיין. מ'זעהט אז ס'איז געווען זייער שווער פאר דעם סקווערער זיידן ז"ל זיך אפצושיידן פון זיין 'בן יחיד'...

**אדמו"ר שליט"א:** 'כרחם אב על בנים (תהלים קג, יג)', ס'שטייט נישט "וועלכע" בנים...

**הגה"צ ר' מאיר טודרוס זילבער שליט"א גאב"ד ור"מ יאוואזשנא**


**מוסדות התורה והחינוך דשיכון סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

~ ישראל קדושים נתבעים ונותנים ~

ברגשי הוקרה נביע מקרב ולב כנה, שבחי תודה נלהבים לידידינו רודפי צדקה ורבי תבונה,
מחזיקי תורה ולומדיה בכל עת ועונה, מוזילים זהב לחינוך אלפי תלמידים ותלמידות בכל פינה

**מע"כ אנשי שלומינו היקרים תושבי מאנטריאל שי'** - כל אחד בשמו הטוב יבורך

**אשר התאמצו להרים את תרומת הקודש יותר מכפי יכולתם לטובת מוסדותינו הק', למרות התחייבויות רבות לצרכי צדקה וחסד, וחלקם אף הוסיפו על תרומתם הקבועה לעמוד לימיננו ביד רחבה ורוח נדיבה**

ועל צבאם **הראב"ד הגה"צ ר' יוחנן סג"ל וואזנער שליט"א** - דומ"ץ הקהילה

אשר במידת טובו וענוותנותו זכה ורבים זיכה להתרים את נדיבי אנ"ש בסכומים הגונים

והברכה אחת לידידנו הנכבד **מוה"ר משה בוקסבוים הי"ו** / שהתמסר בלו"נ למעלה מהמשוער לע"נ חותנו הרה"ח ר' מאיר יודא ע"ה

ואחרון חביב ידידנו הדגול **מוה"ר יודא לייב לאפפלער הי"ו** / שפתח את ביתו לרווחה לאכסניא ואש"ל מלא עד להפליא

מלבד עמדו לימין השד"ר הוותיק הרה"ח ר' מאיר יודא ע"ה בצדקת פזרונו בכל לב ובכל נפש ובכל מאוד

בזכות עוצם מעשיהם וגודל פעליהם, אך ששון ושמחה ישמע באהליהם, וירוו רוב תענוג מכל יוצ"ח במעון זבוליהם.

מוקירם ומכבדם המאחל ברגשי הכרת הטוב: **וועלוול האלצלער-שד"ר**

**אדמו"ר שליט"א:** כ'הער גריסן אז מ'איז אסאך משפיע דארט אין וויליאמסבורג.

**גאב"ד יאוואזשנא:** ווען מיין טאטע [הגה"צ ר' רפאל זילבער זצ"ל גאב"ד פריימאן בעל שו"ת מרפא לנפש] איז געקומען קיין אמעריקא באלד נאכ'ן קריג, איז ער געווען זייער ענג אין פרנסה, אבער דער סקווערער רבי ז"ל האט איהם שטארק געשטיפט אז "ער זאל ווייטער בלייבן ביים לערנען". מיין טאטע ז"ל פלעגט דאס דערציילן.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'ווייס אז דער טאטע ז"ל האט שטארק שטארק געשטיפט צו דעם, אז ווער ס'קען זאל בלייבן ביים לערנען. ס'זענען דא אסאך וואס זענען שפעטער געווען רבנים און מרביצי תורה, וואס ווען זיי זענען געווען בחורים און יונגעלייט האט זיי דער טאטע ז"ל געשטיפט זיי זאלן בלייבן ביים לערנען.

מ'האט איהם געפרעגט צי ס'איז יא געווען אינדערהיים א 'כולל' צי ס'איז נישט געווען, פלעגט ער זאגן: "ס'זענען דאך דא אלע מעשיות אינדערהיים אז דער וואס איז געווען בכח אויסצוהאלטן אן איידעם, איז געפארן אין א ישיבה און גענומען א בחור און איהם אויסגעהאלטן אינגאנצן אז ער זאל זיצן און לערנען.

און נאכדעם האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "מ'האט היינט חתונה ביי אכצן יאר, און א בחור וואס קומט פון ישיבה און ער האט חתונה איז דאך די חתונה פארט א שטיקל שינוי, און ער דארף אוועקשטעלן די יסודות פון א שטוב, פונקט דעמאלס אין אזא זמן ווען ער דארף 'חיזוק' זאל ער אויפהערן צו לערנען, און דעמאלס זאל ער אנהייבן פארן קיין מאנהעטן און עוסק זיין אין פרנסה?! דער טאטע ז"ל האט דאס נישט געקענט סובל זיין, ער האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן! דערפאר האט ער שטארק געשטיפט אין אמעריקא אז מ'זאל בלייבן לערנען אין כולל לכל הפחות צוויי יאר נאך די חתונה.

**כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א**

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז אויסגעקומען לעצטנס זיך צו טרעפן מיט אפאר פון די משפחה, און יעדער האט גערעדט פון די צוויי "חתן מאל"ס ביי הרה"צ ר' פינחס שלום זצ"ל און ביי יבלחט"א הרה"צ ר' חיים יצחק שליט"א האדמו"ר מלויעב [חתני אביו הרה"ק רבי הערשלע מספינקא זצ"ל].

**האדמו"ר מספינקא:** ביי הרה"צ ר' חיים יצחק איז עס געווען אן עקסטערע חשיבות ביי מיין טאטן ז"ל, ווייל ס'איז שוין געווען סוף ימיו פונעם רבי'ן ז"ל. שבת איז ער שוין נישט אריינגעקומען אינגאנצן צו אלע טישן, און מוצש"ק האט ער געטאנצן ביים 'חתן מאל'.

**אדמו"ר שליט"א:** דער ברודער [כ"ק האדמו"ר מקראלי] האט מיר געזאגט, אז דער טאטע האט געזאגט אז ער האט געפילט ווי "יום כיפור ביינאכט".

**האדמו"ר מספינקא:** ער האט געהאט אזא התעוררות ווי יום כיפור ביינאכט!


מודעה חשובה ומשמחת

שמחים אנו להודיע לקהל אנשי שלומינו הע"י די בכל אתר ואתר, כי בעז"ה תתקיים

**נסיעה למקומות הק' בפולין, אונגערן וראמעניא / בראשות הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א**

לשפוך שיח ותפלה ולעורר רחמי שמים על קברי רבוה"ק זי"ע ולהזמינם לשמחת נישואי בנו החתן וועלוול שי' עב"ג

סדר הנסיעה אי"ה מיום א' חוקת בדר"ח תמוז הבעל"ט עד ליום א' בלק ח' תמוז הבעל"ט

**ביומא דהילולא קדישא של הרה"ק ר' מרדכי מקאזמיר זי"ע ח' תמוז, נעלה לציון קדשו בעיר קיעלץ** כפי שביקש בצוואתו שיבואו ביום הגדול הזה **ללמוד ולהתפלל על מקום מנוחת קדשו**

במשך ימי הנסיעה יפקדו בעז"ה את ציוני הקודש במקומות אלו:

**קלויזנבורג, קארלסבורג, דעעש, סיגוט, קאלוב, ראצפערט, אוהעל, טשעטשעוויץ, סטראפקוב, לאנצוט, שינאווע, האלאשיץ, לובלין, קאזניץ, מאגלניצא, ראדושיץ, לעלוב, קראקא, בריגל, טארנא, דאמבראווע, צאנז, גארליץ, דינוב, לינסק, רימנוב, ליזענסק, דזיקוב** (ביומא דהילולא של בעל אמרי נועם), **קיעלץ**

**~ מספר המקומות מוגבל וכל הקודם זכה ~**

להרשמה התקשרו בהקדם למוה"ר **שמואל חיים יעקב גרובער** הי"ו: **845.596.0129**

**הרה"צ הרח"מ:** די מאמע הרבנית ע"ה פלעגט דערציילן, אז ביי איר חתונה האט דער אמרי חיים זצ"ל ארייגערופן איר טאטן דעם ישועות משה זצ"ל און געזאגט, אז ער וויל צוריק איינפירן צו מאכן א 'חתן מאל'! אינדערהיים איז אלעמאל געווען א חתן מאל, נאר אין גרויסווארדיין איז עס געווען שווער - אבער יעצט אין ארץ ישראל וויל ער עס צוריק איינפירן.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז מיר אויסגעקומען אמאל צו שמועסן מיט'ן עלטער שווער דער אמרי חיים ז"ל וועגן דעם. ס'האט זיך דעמאלס געטוהן וועגן דעם, האב איך איהם געפרעגט וויאזוי ס'איז געווען אין ויז'ניץ. האט ער מיר געזאגט אז ער האט געהאט צעהן ברידער און שוועסטער, און ביי אלע בלי יוצא מן הכלל איז געווען א חתן מאל!

כ'געדענק נאך פון אלס קינד אין וויליאמסבורג אויך, ווען דער טאטע [הרה"ק מספינקא] זצ"ל האט נאך געוואוינט אין איסט-סייד, אז ער פלעגט קומען צום טאטן ז"ל קיין וויליאמסבורג.

**האדמו"ר מספינקא:** און שפעטער פלעגט ער אויך קומען דאווענען ביים רבי'ן ז"ל אין ביהמ"ד אין וויליאמסבורג. די צוויי מאל א יאר וואס דער רבי ז"ל פלעגט קומען קיין וויליאמסבורג, פלעגט מיין טאטע ז"ל גיין צום טיש פרייטאג צונאכטס אויך.

כ'בין געווען א קינד און כ'האב געדענקט אז דער טאטע האט דארט געזאגט 'תורה'. ווען כ'בין עלטער געווארן האב איך איהם געפרעגט: וויאזוי קען זיין אז ער האט געזאגט תורה ביי א טיש פון אן אנדערן רבי'ן?.. האט ער געזאגט אז אין סקווירא האט מען נישט געזאגט קיין תורה, און מ'פלעגט איהם בעטן אז ער זאל אנהייבן אווארט. פלעגט ער אלץ אנהייבן מיט א 'מאור עינים', און אויף האט שוין דער רבי ז"ל ממשיך געווען.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, איינער פלעגט אנהייבן און נאכדעם האט דער טאטע ז"ל ווייטער געשמועסט.

ס'זענען דא כמה 'דיבורים' פונעם זיידן ז"ל וואס ער האט געזאגט אמאל פרייטאג צונאכטס נאכ'ן דאווענען וכדו', אבער ס'נישט געווען אזוי בקביעות דוקא ביים טיש. דערפאר האט דער טאטע ז"ל נישט געוואלט אליין אנהייבן זאגן, נאר שפעטער האט מען אזוי איינגעפירט אז אויב מ'האט שוין אנגעהויבן האט דער טאטע ז"ל שוין ממשיך געווען.

**הרה"צ ר' אברהם יעקב טווערסקי שליט"א מב"פ בן הגה"צ אבד"ק טשערנאביל זצ"ל**

**הרא"י טווערסקי:** כ'האב געהערט פון די רביצין ע"ה, אז פון די גאנצע חתונה און אלעס ארום און ארום איז איר געבליבן די שטארקסטע אין זכרון "וויאזוי די צורה פונעם רבי'ן ז"ל האט געפלאקערט בשעת דער רבי זאל זיין געזונט איז צוגעגאנגען צום מצוה טאנץ ביים חתן מאל". דער רבי ז"ל האט אזוי געפלאקערט אז דאס איז



איר געבליבן די שטארקסטע און זכרון פון אלעס!

כ'גלייב אז ס'זענען דא ווייניג מענטשן וואס האבן אזוי גענאסן פון דאס 'הכנסת אורחים' און פון דאס 'התקרבות' וואס איז געווען ביי די רביצין ע"ה אין שטוב, אזוויי מיר. אלע יארן זינט ערב שבת שקלים תשכ"ג, ווען כ'בין ארין אין שטוב דאס ערשטע מאל. דאס התקרבות און דאס ווארעמקייט וואס די רביצין ע"ה האט ארויסגעוויזן האבן אסאך אויפגעטוהן, נישט נאר ביי מיר נאר ביי די גאנצע משפחה.

זי פלעגט דאך זאגן דרשות פאר די מיידלעך אויך, האט זי געהאט אייגענע חסיד'ישע ספרים וואס זי פלעגט לערנען און זיך פארקוקן. דער רבי און די קינדער וויסן דאס אהן מיר, אבער דער עולם מעג הערן אז זי האט געהאט אייגענע חסיד'ישע ספרים, קדושת לוי וכדו', און זי האט געהאט פאפירעלעך אריינגעשטעלט דארט וואו זי האט צוגעצייכנט די שטיקלעך וואס זי דארף האבן פאר די דרשות וכדו'.

**אדמו"ר שליט"א:** עמיצער האט מיר פונקט לעצטנס געזאגט, אז ער האט איבערגעקוקט די ספרים שאפע און ס'געווען פול מיט פאפירעליך וואס זי האט געלייגט אין די ספרים.

**הרה"ג ר' יחזקאל אייכנשטיין שליט"א אבד"ק תפארת אברהם במארינפארק בן כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב-שיקאגו שליט"א**

**אבד"ק תפארת אברהם:** ביי אונז איז אלעמאל געווען א חידוש וויאזוי דער רבי ז"ל האט אויפגעבויט אזא מלוכה פון גארנישט, מ'האט גענומען חיזוק אז מ'קען בויען א 'יש מאין'. דאס האט געוויזן א וועג פאר גאנץ כלל ישראל אז מ'קען זיך צוזאמנעמען די כוחות און בויען אויף ווייטער! מסתמא האט די רביצין ע"ה געהאט א גרויסן חלק אין דעם.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'איז נישט קיין ספק. דער אור החיים הק' זאגט דאך אין פרשת כי תשא לגבי זבולון, אז מ'האט מער ווי א 'חלק', 'שקל הקודש כפול היה' ס'נעמט נישט צו פונעם יששכר נאר ביידע האבן די גאנצע.

**אבד"ק תפארת אברהם:** אבער אז מ'גייט מיט די פריערדיגע דורות בויט מען נישט קיין 'יש מאין', מ'נעמט נאר מיט זייערע זכותים און מ'שלעפט מיט די וואס בלייבן דבוק אין זיי.

**אדמו"ר שליט"א:** מ'רעדט פון אן עגמת נפש ל"ע - ס'איז דא א ווארט פון הרה"ק רבי מאטעלע קארשובער זי"ע, א זוהן פון הרה"ק רבי משה קארשובער זי"ע. ער איז געווען אמאל מנחם אבל זיין ל"ע, האט ער געטייטשט בפשטות דעם פסוק (איוב א, כא) ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך, 'הוי"ה נתן' בשעת די נתינה ווען די נשמה ווערט געבוירן איז דאך די מידה פון הוי"ה, און אינמיטן איז געווען 'והשם לקח' ווייל ס'שטייט דאך (ב"ר נא, ב) אז כל מקום שנאמר וה' איז עס הוא ובית דינו, דער


**ארגון "קשרים" דחסידי סקווירא** / מרכז סיוע ומידע לענייני שידוכים

= ולועצי שלום שמחה =

לרגל **פתיחת עונת השידוכים** לשנת תשפ"ד בין כותלי מוסדותינו הק' בשעה טובה ומוצלחת, מתכבדים אנו להודיע ולבשר לכל **ההורים החשובים** שי' **שהגיעו לפרק שידוכי צאצאיהם** למז"ט כי לאחר רוב עמל ויגיעה עלה בידינו בס"ד להקים פינת יקרת לתועלת ולהנאת כל

**"שידוכים ווינקל" - במערכת הטלפון "קול התורה" האהוב וחביב על כלל חסידי סקווירא**

שם ניתן לשמוע עשרות שיעורי הדרכה ושיחות התחזקות בענייני שידוכים וזיווגים, וכן יועלו דרשות חדשות מזמן לזמן

**מערכת "קול התורה": 845.678.8363 / "שידוכים ווינקל" בשלוחה מספר 68**

כבר הועלתה להאזנה דרשת ההכנה וההסברה היסודית שנמסרה בבהירות מופלאה ובטוב טעם ודעת ע"י איש החינוך הדגול **הרב אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א** להורי השיכון **בסמינר "שביל לשדך"** בליל ששי אמור שעעל"ט

**אלפי תודות נרגשות למפעל "מעיינות החסידות"** / על מסירותם בלו"נ לסדר את המדור החדש במקצועיות רבה

יה"ר מלפני שוכן מרומים, שיעלו הזיווגים יפה יפה כל הימים, ויזכו להרבות שידוכים בישראל במעשיהם העצומים.

המשתתפים בשמחתם מקרב לב ומברכים באהבה ; **הנהלת הארגון**

לק״ח איז דאך אביסל אזוי א צער ח״ו, אבער מ׳בעהט דעם אייבירשטן בלשון עתיד ׳יהי שם הוי״ה מבורך׳, אז אויף להבא זאל טאקע זיין נאר דער שם הוי״ה, א בחינה פון חסדים נגלים.

ס׳שטייט דאך (אסתר ט, כב) אז דער חודש האט א סגולה פון ׳אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב׳. מעג מען דאך בעטן דעם אייבירשטן אויף להבא אז ס׳זאל נהפך ווערן מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב.

**הרה״ג ר׳ שמעון גאלדבערגער שליט״א אבד״ק ביקאוווסק נכד הרה״ק רבי שלמה מבאבוב זצ״ל בשליחות חמיו הגה״צ גאב״ד ערלוי-ב״ב שליט״א**

**אדמו״ר שליט״א:** כ׳בין געווען ביי אייער חתונה. ס׳איז געווען פון די איינציגע חתונות וואס כ׳בין געווען [אד״ש יצא מגדרו והשתתף בחתונה שנערכה בב״פ לכבודו של סב הכלה כ״ק האדמו״ר מערלוי זצ״ל].

**אבד״ק ביקאוווסק:** ס׳ליגט נאך גוט אין די ביינער, ס׳באגלייט נאך ביז היינט!..

ס׳האט מיר פארציילט אן עלטערער איד, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן איז ער מיטגעקומען מיט מיין זיידן דער באבובער רב ז״ל, ווען ער איז געקומען מנחם אבל זיין דעם רבי׳ן שליט״א נאכ׳ן הסתלקות פונעם רבי׳ן ז״ל. דער זיידע ז״ל האט דעמאלס געזאגט א ווארט וואס איז אפשר פאסיג דא איבערצוזאגן. דער רבי שליט״א האט דעמאלס געזאגט אז ס׳איז אזא פרישע עול, דער טאטע איז נישטא און איידן פרעגן אזויפיל שאלות, וואס דארף מען זיי ענטפערן...

האט דער באבובער זיידע ז״ל דעמאלס געזאגט להבחל״ח פאר׳ן רבי׳ן: ״ס׳שטייט (קהלת ז, כ) כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, ס׳איז דא אמאל וואס ׳כי אדם אין צדיק בארץ׳ דער צדיק איז שוין נישטא, און יעדער צדיק האט דאך געהאט זיין דרך אין עבודת ה׳ וואס ער האט אויסגעטרעטן, אבער ׳אשר יעשה טוב׳ אויב דער זוהן איז ממשיך דעם דרך פון דעם צדיק, ׳ולא יחטא׳ וועט גארנישט פעלן!׳

**ו.** ראה גליוננו (ואתחנן תש״ס) כמה עובדות מופלאות על השתתפות הרה״ק רבי שלמה מבאבוב זצ״ל בהלויית כ״ק מרן זי״ע בב׳ ניסן תחש״ך, ואח״כ מובא שם: ״באחד מימי השבעה הגיע הרה״ק מבאבוב זצ״ל לנחם את מרן אד״ש, ולפנינו קטע מתוכן השיחה מפי-השמועה: כ״ק רבינו פתח ואמר: ״זכורני את כבודו מימי ילדותי בבוקארעסט. כאשר הגיע כ״ק אלינו אמר לי אז כ״ק אאמו״ר ז״ל: ׳גיב שלום פאר׳ן באבובער רב׳! הרה״ק מבאבוב ענה: ״אפינו אז יחדיו מצות לחג הפסח״, והוסיף בלחישה: ״אונז האבן געהאט עניינים ביים אויוון...״. בהמשך סיפר לו מרן אד״ש: ״כמה ימים לפני ההסתלקות איחלתי לכ״ק אאמו״ר ז״ל א ׳רפואה שלימה׳, והוא ז״ל ענה לי: א ׳גאולה שלימה׳!

ואח״כ נאנח אד״ש ודיבר מגודל האבידה לכל הדור: אצל כ״ק אאמו״ר ז״ל לא היה דבר שלא ידע, כל מה ששאלו אותו היה עונה כ׳אורים ותומים׳, והנה היום בלבד באו אלי בשתי שאלות ולא היה אבא ז״ל שישיב. נענה הרה״ק מבאבוב זצ״ל: ״**בדרך נסיעתי לכאן עלה בדעתי לפרש הפסוק כי אדם אין צדיק בארץ וגו׳, דהנה כל צדיק פותח שביל וצינור ע״פ שיטתו ועניניו, ודרכו ממשיך השפעות לכל אנשי בריתו, אך כאשר ׳אדם אין צדיק בארץ׳ כאשר הצדיק נסתלק מן העולם יש חשש שח״ו ייסתם שביל ההשפעות, אבל מכיון שהשאיר אחריו בן ׳אשר יעשה טוב׳ והולך בדרכיו, אזי ׳ולא יחטא׳ מלשון חסרון,**



חברה תורה ותפילה דחסידי סקווירא

מאלדט אייך צו די גבאים

מאנסי

ר׳ ברוך אברהם משה זילבערמאן | ר׳ ישראל שפיטצער | ר׳ יעקב זילבערמאן | ר׳ שמעון האפשטיין | ר׳ אלעזר יונה מרדכי זילבערמאן | ר׳ מרדכי אשר האכהייזער | ר׳ משה יודא שפיטצער | ר׳ יעקב אברהם הערצאג | ר׳ ברוך גאלדקלאנג | ר׳ יעקב יוסף גראס | ר׳ שמואל פראנק | ר׳ יעקב דוד שאנפעלד | ר׳ אליהו אלימלך סמיט | ר׳ שמואל בנימין ווייס | ר׳ מנחם מענדיל שפירא | ר׳ ליפא גרין | ר׳ אורי ליכטער | ר׳ יעקב בלום | ר׳ שמעון איינהארן | ר׳ מתתי׳ דיער | ר׳ יחזקאל שרגא פרידמאן

מעמד מסירת ׳רשימא קדישא׳ של קובעי עתים לתורה לכ״ק מרן רבינו שליט״א ראש חודש סיון הבעל״ט

**הרה"צ הראמ"מ:** ער האט עס נאכגעזאגט פון איינעם?

**אבד"ק ביקאווסק:** ער האט עס געזאגט פון זיך.

**אדמו"ר שליט"א:** דארף מען בעטן דעם אייבירשטן יעצט אויך אז ס'זאל זיין 'אשר יעשה טוב'!..

**אבד"ק ביקאווסק:** ווען מ'האט מתפלל געווען פאר די רביצין ע"ה האט מען אויפגעשריבן דעם נאמען מיט די מאמע'ס נאמען, און כ'האב געזעהן א רמז נפלא אז דער נאמען טוהט סימבאלאזירן איר גאנצע מהות: די ראשי תיבות פון ח'יה ח'נה ב'ת ל'אה א'סתר איז בגימטריא מ"ט, דאס זענען אלע מידות ז' פעמים ז'!

**אדמו"ר שליט"א:** ס'שטייט דאך אז יעדע איינע מדה פון די ז' מידות איז נכלל אין אלע, חסד שבגבורה, חסד שבתפארת וכו'.

**אבד"ק ביקאווסק:** אירע מידות זענען געווען אזוי בשלימות, און ס'איז א רמז נפלא. שפעטער נאך זי איז נסתלק געווארן ל"ע, האב איך געזעהן אז דער נאמען מיט איר טאטנ'ס נאמען איז די ראשי תיבות ח'יה ח'נה ב'ר מ'שה י'הושע בגימטריא חיי"ם, אז נשמתה צרורה בצרור החיי"ם!

**הרה"ג ר' משה ברזובסקי שליט"א ר"י בית אברהם סלונים בירושלים בשליחות אביו כ"ק האדמו"ר מסלונים שליט"א**

**הרה"צ הראמ"מ:** די מאמע הרבנית ע"ה איז נתגדל געווארן צוזאמען מיט אייער מאמע'ן די סלונימער רביצין ע"ה [בת הרה"צ ר' נפתלי חיים אדלר זצ"ל חתן הרה"ק האמ"ח מויז'ניץ זצ"ל].

**אדמו"ר שליט"א:** די חתונות זענען געווען איינס נאכ'ן צווייטן, א מרחק פון צוויי חדשים [כ"ק האדמו"ר מסלונים שליט"א נישא בסיון תשי"ט, וכ"ק רבינו שליט"א במנחם אב תשי"ט]. די סלונימער רביצין ע"ה איז געווען די עלטסטע אייניקל, און דאס איז געווען די ערשטע חתונה אין ויז'ניץ.

**הגר"מ ברזובסקי:** די מאמע ע"ה מיט די סקווערער רביצין ע"ה זענען געווען זייער נאנט!

**הרה"צ הר"י:** זיי זענען אסאך געפארן צוזאמען אלס מיידלעך. די מאמע הרבנית ע"ה פלעגט אסאך דערציילן אז זיי זענען געווען צוזאמען ביי הרה"ק רבי יהודה'לע דזיקובער זצ"ל וכדו'.

**אדמו"ר שליט"א:** רבי יהודה'לע האט זיי געוויזן וואו צו גיין און וואס צו טון... ס'געווען כמה זאכן וואס זי האט דערציילט ווען זיי זענען געווען צוזאמען ביי רבי יהודה'לען.

והתעניין רבינו על שלומו ובריאותו של אביו כ"ק האדמו"ר מסלונים שליט"א.

**הגר"מ ברזובסקי:** ב"ה מיר דאנקען גאט. ער האט געשיקט א בריוו [ומסר את מכתב התנחומים].

**אדמו"ר שליט"א** קרא את המכתב ואמר למשבקי"ם:

---

**לא יחסר מאומה מההשפעות רק יימשכו הלאה והלאה והלאה!".**


**קהל תושבי מאנטיסעלו** / סאליוואן קאונטי, ניו יארק

~ וישב יצח"ק ויחפור את בארות המים ~

ברחשי ידידות והערצה ובשפתי רננה, נביע מקרב ולב כנה, ברכתנו הנלהבה לידי"נ העסקן והנדיב הנלהב רב תבונה, להפצת תורה וחסידות בכל עת ועונה, פה מפיק מרגליות ואוצר כלי חמדה, מוזיל זהב מכיסו לזיכוי הרבים ברוב שקידה, קדשי עיר מאנטיסעלו בוערים בעצמותיו בלי גבול ומידה, מסור לצרכי הכלל והפרט בלו"נ חפצה, נהנין ממנו תושיה ועצה, איש שכולו טוב וחסד בשמחה ודיצה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות בהערכה והערצה

**כש"ת מוה"ר יצחק לאפפלער הי"ו** - מגדולי בוני ומקימי היישוב החרדי במאנטיסעלו

**לרגל השמחה במעונו בקשרי השידוכין של בתו הבכורה הכלה המהוללה שתחי' עב"ג למזלא טבא**

**אשרי לו ואשרי חלקו שזכה לבנות ולהקים מקוה טהרה מפואר בעירנו במסירות נפש של ממש, וזה חמש שנים אשר מאות אנשים טובלים שם מדי יום, והוא סמל ודוגמא לעסקנות בצרכי ציבור באמונה ומסירות עצומה**

בזכות ריבוי הטהרה הצרופה, יזכה לרוות נחת יפה יפה, והיה פריו למאכל ועלהו לתרופה, בנהורא מעליא ובריות גופא.

ברגשי ידידות והערכה עמוקה: *תושבי מאנטיסעלו הנהנים מטובו*

לייגטס עס אוועק, ס'איז ביי מיר זייער חשוב. כ'געדענק אז ווען דער זיידע [הרה"ק הנתיבות שלום מסלונים זצ"ל] איז נישט געזונט געוועזן ל"ע [בשנת תשי"ט], האט דער טאטע ז"ל ממש נישט מסיח דעת געווען! הרה"ח ר' משה גבאי ע"ה איז געווען דער 'מקשר', און דער טאטע ז"ל האט זיך יעדן טאג נאכגעפרעגט פונקטליך וואס ס'טוהט זיך וכו'. דער זיידע זצ"ל האט מיר געזאגט א שטארקערן לשון, אז "ער פילט אז דער טאטע ז"ל האט איהם אויסגעבעטן".

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע [האדמו"ר מסלונים שליט"א] איז געווען זייער נאנט מיט ר' משה גבאי ז"ל אויך, מער ווי נאנט. ווען כ'פלעג זיך טרעפן מיט'ן טאטן, פלעגט ער מיר נאכזאגן כמה עניינים פון ר' משה'ן...

ר' משה פלעגט שרייבן יעדן טאג א בריוו צום טאטן ז"ל, און אויב כ'געדענק גוט איז עס אסאך מאל געווען די 'עירמעיל לעטערס' פון די 'ישיבת בית אברהם סלונים', ווייל ער איז דארט געזעצן. פון דעם וואס ער האט גענומען די דארטיגע פאפירן, האב איך געזעהן אז ער איז דארט אפגעזעצן.

**הגר"מ ברזובסקי:** דער טאטע שליט"א זאגט אז ער האט כמעט נישט געזעהן אזא "התקשרות" ווי דאס וואס ר' משה האט געהאט צום סקווערער רבי'ן ז"ל. ס'איז א זאך וואס מ'האט נישט געזעהן!

**הרה"צ הראמ"מ:** ער פלעגט זאגן אז "פון רבי משה אין ארץ ישראל האט מען שבת געקענט וויסן ווען מ'האלט יעצט אין סקווירא"! ער האט מיטגעהאלטן די זמנים: "יעצט קומט דער רבי אריין צום דאווענען, יעצט מאכט דער רבי קידוש"...

**אדמו"ר שליט"א:** יא... ער האט דאך נעבעך געליטן מיט'ן זוהן [הב' חיים ע"ה שהיה חולה ל"ע], אבער אלעמאל האט ער אנגעהויבן דעם בריוו אז דער מצב פונעם זוהן "ב"ה הוטב". ער האט געקענט נאכדעם שרייבן אז דער דאקטער זאגט אביסל אנדערש... אבער ס'איז נישט קיין חילוק: ער האט אנגעהויבן מיט א 'דבר טוב'! כ'געדענק דעם לשון וואס ער האט אלעמאל אנגעהויבן: "ב"ה הוטב", און אמאל האט דער המשך אויך געשטימט און אמאל נישט אזוי...

**הרה"ג ר' יהודה נח וויינבערג שליט"א אבד"ק סלונים בב"פ, ובנו מגיד המישרים הרה"ג ר' אהרן וויינבערג שליט"א בשליחות חמיו כ"ק האדמו"ר מאוסטרוב-קאלושין שליט"א מסידערהוירסט**

**הגר"א וויינבערג:** אונז האבן געהאט א שוועסטער-קינד הרה"ח ר' נח ב"ר מרדכי וויינבערג ע"ה, אן אייניקל פונעם ברכת אברהם מסלונים זצ"ל. האט דער ר' נח מיר דערציילט אז ווען דער סקווערער רבי ז"ל איז געווען אין ארץ ישראל, איז ער געווען א בחור אין ישיבה און זיין פעטער דער נתיבות שלום זצ"ל האט איהם געפרעגט צי ער איז שוין געגאנגען צום סקווערער רבי'ן. זאגט ער אז ער איז נאכנישט געגאנגען. זאגט איהם דער נתיבות



חברה תורה ותפילה דחסידי סקווירא
מעלדט אייך צו די גבאים
וויליאמסבורג
ר' אהרן ירמי' זילבערמאן | ר' מנחם מענדיל ראזענבוים | ר' ישכר מענדיל זילבערמאן
בארא פארק
ר' יושע יחזקאל רוקח | ר' שלמה מרדכי שווארץ | ר' אברהם מרדכי גרינבלאט | ר' פייוול סעקולא | ר' משה מרדכי כץ | ר' זושא סעקולא | ר' ניסן כהן | ר' יחזקאל שרגא שווארץ | ר' יחזקאל שרגא שפיטצער | ר' יודא לייב וואשאל | ר' עקיבא פעלזנבורג
סטעטן איילענד
ר' ישראל גראס | ר' חיים ישעי' בייער | ר' ראובן קאליש | ר' אדוני' קופפערמאן
לעיקוואד
ר' שמחה גינזבערג | ר' הערשל פאשקוס | ר' יוסף צבי קליין
מעמד מסירת 'רשימא קדישא' של קובעי עתים לתורה לכ"ק מרן רבינו שליט"א ראש חודש סיון הבעל"ט

שלום: "זאלסט גיין צום סקווערער רבי'ן ווייל ער איז צדיק הדור".

ער איז געווען א פלומעניק האט ער זיך ערלויבט און ער האט געפרעגט: "פון וואו ווייסט דער פעטער דער ראש ישיבה אז ער איז 'צדיק הדור'?". האט דער נתי"ש געזאגט: "ווייל רבי משה בטלן פארשטייט צו צדיקים, און ר' משה זאגט אזוי!".

ער האט דערציילט נאך איין נקודה: דער נתיבות שלום האט איהם נאכדעם געפרעגט: "וואס האסטו געזעהן ביים סקווערער רבי'ן?". האט ר' נח געזאגט: "כ'האב געזעהן א צימער פול מיט מענטשן, אבער ווען כ'בין אנגעקומען לפניו האב איך געשפירט ווי ס'איז נישטא קיינער אין די וועלט נאר איך!". האט איהם דער נתי"ש געזאגט: "האסט גוט געטראפן, אזוי איז עס!".

**הרא"י טווערסקי הנ"ל:** הרה"ח ר' שלמה גרינבוים שי' פארציילט, אז ער איז דאך אלס בחור געפארן לערנען אין סלונימער ישיבה, און בשעת ער האט זיך געזעגנט פונעם ברכת אברהם זצ"ל ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אמעריקא, האט דער ברכ"א אנגעהויבן צו זאגן: "שיקטס א גריס" און ער האט באלד צוריקגעצויגן: "ניין, פאר אזא איד שיקט מען נישט קיין גריס. זייט מיר מזכיר ביים סקווערער רבי'ן".

**אבד"ק סלונים-ב"פ:** ווען די סלונימער רביצין ע"ה איז געווען אין שפיטאל ל"ע האב איך זיך דארט אסאך געדרייט, און די סקווערער רביצין ע"ה זייער אפט געקומען איר באזוכן. עטליכע מאל האט זי מיר גערופן אין דער זייט און געזאגט: "איך גיב אייך מיין פריוואטע טעלפון נומער, טאמער איהר דארפט עפעס קענט איהר מיך רופן פיר און צוואנציג שעה אין טאג". זי האט עס מיר אפגעשריבן אויף א פאפיר, און כ'האב נאך דעם פאפיר ליגן...

**אדמו"ר שליט"א:** יא, מיין רביצין ע"ה האט מיטגעהאלטן יעדן טאג דארט. זי איז געווען א משך זמן דא אין אמעריקא ביי דאקטוירים.

**אבד"ק סלונים-ב"פ:** זי האט נישט נאר געזאגט, זי האט אונז טאקע אסאך ארויסגעהאלפן אין יענע תקופה. מ'האט געהאט א שטארקע הכרת הטוב צו איר.

מיין זיידע דער ברכת אברהם מסלונים זצ"ל פלעגט אסאך רעדן פון הרה"צ ר' יהודה לייב זצ"ל, דער טאטע פון הרה"ק רבי מאטל סלונימער זצ"ל. האב איך אמאל געהערט פונעם זיידן, אז ווען רבי יהודה לייב האט גע'חזר'ט א ווארט האט ער עס גע'חזר'ט צעהן מאל און צוואנציג מאל! ביי זיין רביצינ'ס לויה ל"ע איז דער זיידע געשטאנען נעבן רבי יהודה לייב, האט ער געהערט ווי רי"ל חזר'ט צו זיך און ער זאגט: "רבונו של עולם, ס'שטייט אין די תורה (בראשית ב, יח) 'אעשה לו עזר כנגדו'. אז דו האסט מיר צוגענומען מיין עזר, ווערסטו זיין מיין עזר!". אזוי האט ער זיך גע'חזר'ט די גאנצע צייט: "דו האסט צוגענומען מיין עזר, ווערסטו זיין מיין עזר!".

**מפעל מעיינות החסידות דחסידי סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**ספרי חסידות • בחצר הקודש • קול התורה • אורות ושטראלן • בית המעיינות • גמ"ח יחיאל מיכל**

= ברכות יעלו לראש משביר =

ברחשי אהבה ובשפתי רננה, אלפי תודות נרגשות משמי מעונה, למע"כ ידידנו עוז העסקן והנדיב הדגול חכמתו בחוץ תרונה, שוקד בתורה וחסידות ורב תבונה, מסור לכל קדשי בית סקווירא בלו"נ במסירות נאמנה, מוזיל זהב מכיסו להפצת תורת הבעש"ט הקדוש ותלמידיו זי"ע בכל עת ועונה

**כש"ת מוה"ר יצחק לאפפלער הי"ו** - מגדולי נדיבי לב לכל סניפי מעיינות ולכל קדשי בית סקווירא

**לרגל השמחה במעונו באירוסי בתו הכלה המהוללה שתחי' עב"ג החתן תמים למעלות נ"ו למזלא טבא**

**ידידנו הנדיב המרומם הר"ר יצחק שי'! אשרי חלקך וגדול זכותך בעמדך לימיננו ביודעין ובלא יודעין בהדפסת ספרי החסידות בעצה ובמעש ועוד ידך נטויה להפצת מעיינות החסידות להרוות נפשות המשתוקקים לאור!**

יתן ה' ויעלה הזיווג יפה יפה, ברוב נחת מכל יוצ"ח בבריות גופא, בזכות רבוה"ק לבית סקווירא ועבודתם הצרופה, ותזכה להמשיך הלאה אלף פעמים ככה, להגדיל תורה ולהרבות פעלים לחסידות הזכה, להחיש הגאולה והמלוכה.

ברגשי הכרת הטוב ורחשי ידידות והערכה; **הנהלת המפעל**

ווען דער זיידע ז"ל פלעגט דאס דערציילן, פלעגן זיך גיסן טייכן טרערן פון זיינע אויגן!..

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דאז"ה.

**הגר"א וויינבערג:** מיין שווער כ"ק האדמו"ר מאוסטרוב-קאלאשין שליט"א מסידערהויפסט האט חתונה געמאכט אן אייניקל אין ארץ ישראל, און ער איז צוריקגעקומען נעכטן נאכט. ער איז אראפ פון פליגער אהן קיין כוחות, אבער ער האט מיר געבעטן כ'זאל איבערגעבן פאר זיין מחותן דעם רבי'ן שליט"א, אז ער האט פארלוירן ל"ע מיין שוויגער [הרבנית מאוסטרוב-קאלשין] דאס יאר און ער פילט מיט בשלימות! ער האט געזאגט אז מן הדין וואלט ער געדארפט קומען אבער ער איז אין א ווילטשעיר און ער איז ממש נישט ביכולת.

**אדמו"ר שליט"א:** עה, חס ושלום מטריח צו זיין.

**הגר"א וויינבערג:** אז מ'רעדט פון "מיטפילן" - איך בין אויך געווען אויף די חתונה אין ארץ ישראל און איך בין אויך מאנטאג צוריקגעקומען, און אין עירפארט האט מען געהערט די בשורה אז די רביצין ע"ה איז אוועק ל"ע. איז געזיצן נעבן מיר א איד מיט א געשטריקטע קאפל, ממש זייער שוואך ל"ע, כ'ווייס נישט ווי וויט ער איז א שומר שבת, און מ'האט גערעדט אז די סקווערער רביצין איז נפטר געווארן. כ'זעה ווי דער איד קרעכצט און קרעכצט, האב איך איהם געפרעגט צי ער האט שייכות קיין סקווירא. כ'האב איהם געזאגט אז איך בין א סקווערער תלמיד און ביי אונז טוהט עס וויי, אבער וואס איז אייער שייכות?

זאגט ער מיר אין לשון הקודש: "פעם אחת, איינמאל האב איך געהערט דעם סקווערער רבי'ן שליט"א זאגן תהלים ביי אן 'אבן הפינה' אין ארץ ישראל, און כ'האב געהערט דעמאלס אז ער פילט מיט מיט יעדן איד! דארף מען צוריקפילן מיט איהם ווען ס'איז דא צער ח"ו". דער רבי' האט געזאגט תהלים ביי אן אבן הפינה און ער איז דורכגעגאנגען, און ער האט דערהערט אז "דער סקווערער רבי פילט מיט אידישע צרות".

**אדמו"ר שליט"א:** ווען מ'האט אנגעהויבן צו בויען דעם בנין [בחודש טבת תשנ"ה] איז געווען דער אבן הפינה.

## הרה"ג ר' פינחס יונג שליט"א מנהל בית רחל ומשפיע במאנסי

**הגר"פ יונג:** כ'האב אן הכרת הטוב איבערצוגיבן. מיין שניר איז געווען כמה פעמים אין די 'אם בישראל' און זי האט מורא'דיג הנאה געהאט, און די רביצין ע"ה פלעגט קומען יעדן ערב שבת און זי האט יעדן זייער מקרב געווען. אירע פעולות האבן דערגרייכט יעדן איינעם!

**אדמו"ר שליט"א:** זי פלעגט גיבן 'סידורים' און זי האט מיטגעהאלטן מיט יעדן איינעם.

**הגר"פ יונג:** און אויב כ'מעג זאגן אן אנדערע הכרת הטוב להבדיל בין החיים: כ'קום אהן גאנץ אפט אין ביהמ"ד ראחמיסטריווקא-מאנסי, און דער מקום איז ממש א

חברה תורה ותפילה דחסידי סקווירא



מעלדט אייך צו די גבאים

מאנטריאל

ר' ברוך הערש פעלבערבוים | ר' יוסף שמחה קאוועליענקא | ר' דוד טויב | ר' יעקב יוסף קראמער | ר' חנה הערש גרובער | ר' אהרן סמיט | ר' מרדכי גראס | ר' שמעון יצחק לאווי | ר' שלמה חיים בוקסבוים

לאנדאן

ר' פינחס האכהייזער | ר' יודא איצקאוויטש | ר' שמעון אונגער | ר' יעקב יוסף שמעלצער | ר' יואל ראזענבוים

אנטווערפן

ר' יצחק גאלדמינצער | ר' יצחק צימענד | ר' משה ברוך ברוין

מאנטשעסטער

ר' יוסף האכהייזער

מעמד מסירת 'רשימא קדישא' של קובעי עתים לתורה לכ"ק מרן רבינו שליט"א ראש חודש סיון הבעל"ט

קידוש השם! ס'דאווענט זיך דארט און ס'לערנט זיך דארט, און מ'רעדט נישט קיין איין אות אפילו 'בין גברא לגברא' ביים ליינען! נישט ווייל מ'האט געטוהן דערין נאר ווייל ס'איז אן איידעלער עולם און אן ערנסטער עולם. ס'זענען דא שיעורים און שמועסן פונעם רבי'ן אליין, און ס'דא סעודות און טישן קע"ה.

**אדמו"ר שליט"א:** ער האט געשמועסט מיט מיר וועגן דעם ביהמ"ד, און לויט ווי ער האט מיר געזאגט, דאס וואס איהר קומט אריין איז מוסיף צו דעם מקום, ס'איז אן הוספה צום ערנסטקייט פונעם מקום...

**הגר"פ יונג:** כ'ווייס אז דער רבי האט הנאה פון דעם דערציילן איך עס, אז ס'איז דא א שיעור אין 'עמוד יומי' יעדע נאכט דורך א חסיד'ישער יונגערמאן ב"ה. ער גרייט זיך גוט צו און איהם איז נישט קיין חילוק צי איינער קומט צי צעהן קומען, ער זאגט זיין שיעור און ער שמועסט אויס די הלכה זייער שיין.

**אדמו"ר שליט"א:** ב"ה. די השפעות פון די תורה זענען בגשמיות און ברוחניות.

**כ"ק האדמו"ר מצאנז-זוועהיל שליט"א מיוניאן סיטי**

**אדמו"ר שליט"א:** אין אנהייב פלעגט מען נאך קומען פאר 'מפעל הש"ס' [לנאום במסיבה לטובת מפעל הש"ס שערך הרה"ח ר' מתתי' פריעזעל ע"ה מראשי קהילתנו בביתו מדי שנה], און נאכדעם זענען געווען אנדערע זאכן אויך...

**האדמו"ר מצאנז-זוועהיל:** אין די וואכנדיגע סדרה שטייט (שמות כח, יג) 'ועשית משבצות זהב'. ביי נשים צדקניות שטייט (תהלים מה, יד) כל כבודה בת מלך פנימה 'ממשבצות זהב לבושה', וואס איד דאס שייכות? נאר רש"י און דער רמב"ן קריגן זיך צי דער שטיין איז געווען באהאלטן, און דער רמב"ן (תרומה כה, ז) זאגט אז אויב מ'זעהט נישט איז דאך נישטא דאס שיינקייט. אבער פון רש"י זעהט מען אז אמאל איז דער יופי אן ענין פנימי, ס'האט נישט צוטוהן צי מ'זעהט ווייל שקר החן והבל היופי! דאס איז דער שייכות פון 'כל כבודה בת מלך פנימ"ה' צו 'ממשבצות זהב לבושה'.

**כ"ק האדמו"ר מליסקא שליט"א**

**אדמו"ר שליט"א:** די מאמע הרבנית טראני ע"ה איז געווען זייער נאנט מיט אייער מאמע'ן הרבנית מליסקא ע"ה.

**האדמו"ר מליסקא:** כ'ווייס, זיי האבן זיך נאך געקענט פונדערהיים, פאר די מלחמה און נאך די מלחמה. ווילאנג די מאמע ע"ה איז נאך געווען געזונט האבן זיי כסדר גערעדט אויפ'ן טעלפאן און כסדר געקומען איינע צו די צווייטע ביי אלע געלעגנהייטן. אפילו ערב ראש השנה פאר זי האט געכאפט דעם סטראוק ל"ע, האט זי נאך גערעדט מיט דעם רבינ'ס מאמע ע"ה געהעריג, און יענע נאכט איז עס געשעהן ל"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** אייער פעטער הרה"צ ר' שמואל פרענקל הי"ד איז געווען אן איידעם ביים פעטער ז"ל


**בית המעיינות דחסידי סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

הזדמנות פז וזכיה קדושה

לבקשת רבים האומרים מי יראינו טוב, עומדים אנו בס"ד להדפיס מחדש את שני המאורות הגדולים

**ספה"ק "מאור עינים" - שני חלקים בכריכה עבה**

**מחולק לפי סדרי הלימוד "דף ליום" ו"עמוד ליום" להנאת אלפי אנ"ש ההוגים בספרא קדישא הדין**

**וספה"ק "נועם מגדים" - ע"פ ידי מתתיהו**

**עם הביאור המופלא בשולי היריעה שיצא לאור על ידינו בס"ד לשביעות רצון כל לומדי המסגרת**

**ואחר ששני ספרי קודש כבר ערוכים ומוכנים בס"ד לדפוס, מחיר הדפסתם זול באופן מיוחד**

**לאו בכל יומא מתרחיש: ניתן כעת לרכוש את "זכות המהדורה" ב"מחיר זול ביותר" להדפסת והפצת שני ספרי הקודש על פני תבל לרבבות אלפי הלומדים ובמיוחד בבתי המדרשות**

החפץ באמת בזכות נשגב ונדיר זה, יפנה אלינו בהקדם האפשרי: 845.533.9344

החותמים ברגשי כבוד והוקרה; הנהלת "בית המעיינות"

דער בעלזער רב.

**האדמו"ר מליסקא:** דער רבי שמואל איז געווען א שוואגער מיט דעם רבי'נס פעטער הרה"צ ר' ישעיה זוסיא הי"ד [בן מהר"פ מאוסטילא זי"ע], זיי זענען ביידע געווען אייידימער ביים בעלזער רב ז"ל. זיי האבן דאכט זיך געוואוינט אין איין הויז דארט.

אונזער שייכות גייט שוין אויך צוריק אפאר יאר... כ'געדענק נאך מיינע בחור'ישע שבתים אין סקווירא, ווען ס'איז נאך געווען אביסל 'בראשית יארן' ווי מ'זאגט. מיר פערזענליך איז שווער מנחם צו זיין, ווייל 'אין אשה מתה אלא לבעלה (סנהדרין כב:)', אבער אז מ'איז דא געקומען דארף מען דאך דערמאנען די רביצין ע"ה אויך:

כ'דערמאן זיך וויאזוי זי האט מיך אויפגענומען ווען זי איז נאך געווען א 'יונג ווייבל' ווי מ'זאגט און די קינדער זענען נאך געווען אין די 'פלעי פען' ווי מ'רופט עס אהן אין אמעריקא... אזויפיל בין איך נאך געווען א מבין אויף איר איידלקייט און איר שמייכל, לאו בכל יומא טרעפט מען אזא אשה חשובה. זאלט עטס וויסן וואספארא מאמע עטס האטס געהאט!

כ'קען נישט פארגעסן וויאזוי זי איז געשטאנען לימינו פון ענקער טאטן אויף צו לאנגע יארן אין אלע צייטן, און אויפגענומען יעדן גאסט. ווען כ'בין געקומען האב איך זיך געפילט אינדערהיים. פון דעם רבי'נס מאמע הרבנית טראני ע"ה איז דאך שוין אפגערעדט, נאר כ'רעד פון די נפטרת אליין ע"ה.

### הגה"צ גאב"ד טענקא שליט"א

**אדמו"ר שליט"א:** כ'געדענק אז אייער טאטע [הגה"צ ר' שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל גאב"ד טענקא] פלעגט זיך אייביג טרעפן מיט'ן טאטן ז"ל אין וויליאמסבורג.

**גאב"ד טענקא:** יא. מיין טאטע ז"ל האט נאך געברענגט דעם רבי'ן זי"ע אויף א שבת קיין אראד. אונז האבן געוואוינט אין אראד ביז תש"ח, און מיין טאטע איז געווען עטליכע מאל אין בוקארעסט צו ערלעדיגן פאפירן צו קענען עמטליך ארויסגיין, און יעדעס מאל איז ער געווען ביים רבי'ן ז"ל. דעמאלס האט ער זיך "מתקשר געווען", אבער ער האט נאך געדענקט דעם רבי'ן זי"ע פון די חתונה אין סיגוט!

**אדמו"ר שליט"א:** ביי די חתונה פונעם פעטער הרה"צ ר' יוחנ'טשע טווערסקי הי"ד ממוזשאי [בן מהר"פ מאוסטילא זי"ע וחתן העצי חיים מסיגוט זצ"ל]. אייער טאטע איז דעמאלס דארט געווען?

**גאב"ד טענקא:** יא. דאס התקשרות איז נישט געווען אזוי סתם, ער איז געווען אינגאנצן "פארקאכט"! ער פלעגט קומען יעדעס מאל קיין וויליאמסבורג. ווען דער רבי זאל זיין געזונט איז געווען אין וויליאמסבורג צוויי מאל א יאר, האט מיין טאטע זצ"ל נישט פארפעלט קיין איין מאל נישט! ער האט נישט געוואלט קיין כיבודים, ער האט געוואלט בדווקא שטיין דארט מיט'ן קוויטל אזוויי אלע אידן.




חברה תורה ותפילה דחסידי סקווירא

מעלדט אייך צו די גבאים

ירושלים

ר' שמואל יודא מענדעלאוויטש | ר' יעקב יוסף קאפף | ר' מנחם שלמה זילבערמאן | ר' מרדכי דוב ברויער | ר' נתן הערשבערג | ר' מרדכי קאסירער

בני ברק

ר' יעקב יוסף פישעל | ר' זושא גאלדקלאנג

בית שמש

ר' יעקב יוסף גרינבוים
ר' אהרן שפיטצער

ביתר

ר' יעקב בירנהאק

מעמד מסירת 'רשימא קדישא' של קובעי עתים לתורה לכ"ק מרן רבינו שליט"א ראש חודש סיון הבעל"ט

**אדמו"ר שליט"א:** ער האט נישט געוואוינט אין וויליאמסבורג, און ער איז געקומען צו פארן.

**גאב"ד טענקא:** אונז האבן דעמאלס געוואוינט אין קראון הייטס און שפעטער אין פלעטבוש.

**הרה"צ הראמ"מ:** פון דעם שווער'ס זייט [הגה"צ ר' משה צבי אריה ביק זצ"ל גאב"ד מעזיבוז] איז אויך געווען א שטארקער קשר.

**גאב"ד טענקא:** א קשר? ער איז דאך אינגאנצן געווען א חסיד. זיין פאטער הגה"צ ר' חיים ביק זצ"ל איז נאך געווען אזוי! זיי זענען געווען פארקאכט אינגאנצן.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'געדענק נאך אז ער איז געקומען צו אלע וואכנדיגע טישן נאך אין בארא פארק.

**גאב"ד טענקא:** דער זיידע רבי חיים האט נאך גוט געדענקט מרן רבי דוד'ל סקווערער זי"ע, ווייל ער פלעגט קומען יעדעס יאר קיין מעזיבוז. ער פלעגט קומען מערערע מאל.

**אדמו"ר שליט"א:** דער זיידע ז"ל פלעגט פארן קיין מעזיבוז יעדע צוויי יאר אויף א שבת [לכה"פ אחת לשנתים]. כ'האב געהערט אז שפעטער ווען די מעזיבוזער קינדער זענען געווארן רבי'ס דארט, איז דער זיידע ז"ל געפארן מער אויף אינדערוואכן און ער איז נישט געבליבן אויף שבת, וויבאלד ס'איז געווען א רבי אין שטאט.

די ביק משפחה זענען געווען מעזיבוזער רבנים פון דורי דורות, נאך פון תקופת הבעל שם זי"ע.

**גאב"ד טענקא:** יא, נאך די ראפאפורטס. זיי זענען געקומען תקל"ג. זיי האבן דאך פארפירט אז ס'איז נישט געווען קיין אוהל ביים ציון פון בעל שם זי"ע. כ'ווייס נישט ווער ס'האט מתיר געווען צו מאכן דעם גרויסן אוהל. זיי האבן געפרעגט עמיצן?

**אדמו"ר שליט"א:** מיך נישט. אבער מ'האט נישט געדארפט מיך פרעגן...

**גאב"ד טענקא:** אויב נישט דעם רבי'ן, וועמען דען?!..

**אדמו"ר שליט"א:** דאס האט מען געמאכט לעצטנס... אמאליגע יארן איז געווען א דאַך מיט פיר עמודים ביים בעל שמ'ס ציון.

**גאב"ד טענקא:** די עסקנים האבן נישט געוואוסט פונקטליך וואו דער בעל שם זי"ע ליגט, האט דער שווער ז"ל געמאכט א 'ציור' וויאזוי דער אויסשטעל פון אלע קברים זענען געווען, און פון דעם ציור האט מען געמאכט דעם גאנצן אוהל. ס'הענגט דארט אינעם אוהל.

אבער אין טשערנאביל איז יא געווען דער מנהג אלע יארן צו מאכן אן 'אוהל'.

**אדמו"ר שליט"א:** אין טשערנאביל האט מען יא געמאכט אן אוהל. אבער ביים בעל שם איז אלע יארן נישט געווען קיין אוהל.

**גאב"ד טענקא:** איינער האט מיר געזאגט אז מ'האט מפסיק געווען מיט'ן אוהל צווישן צוויי צדיקים וואס זענען געווען צוזאמען. זאג איך אז דאס מאכט נישט אויס, זיי זענען נאכאלץ געבליבן די זעלבע שכנים! וואס מ'בויט אינדרויסן מיינט גארנישט...

**ויקומו לנחם** בברכת תחומים.

# בקודש פנימה

❧ **במוצש"ק פרשת קדושים העעל"ט אחר הבדלה, נקבצו ובאו עשרות בחורי חמד תלמידים מישיבות**

## שבת קודש בצל כנפיך יחסיון

ברחשי הערכה וחיבה יתירה, נשגר בזה הוקרה להאי גברא רבא, אשר כל מעייניו בלימוד והרבצת תורה ולהאדירה, שיחו ושיגו הנפלאים מלאים בהירות ואור החסידות במשנת רבותינו זצוק"ל ויבלחט"א כ"ק אדמו"ר שליט"א, משפיע ומלהיב מדי שבוע עשרות תלמידים בחבורה עד השעות הקטנות בליל שישי ומעביר לנו המסורה, בחסידות ופרישות מדקדק בקלה כבחמורה

**כש"ת הרה"ג ר' משה אליהו בלומינג שליט"א** - רב ביהמ"ד שבט הלוי ושכונת רמת שלמה החדשה בירושלים וראש חבורתינו

**השקט לא נוכל מלהביע הוקרה על כל הטוב שנוטע בנו במשך השנים כמלאך האומר גדל מנחילינו קניין בנתיבות החסידות, ובמיוחד לרגל "שבת התאחדות" נעלה אותה חווינו בצל קהילתו הרוממה בביהמ"ד החדש "שבט הלוי" ברמת שלמה החדשה**

**לפלא ולהפלא היה לנו לחזות בנועם ה' המתרבה ונשפע בימים אלו ולבקר בהיכלו בבית מדרשו פנינת יקרת שבוודאי תאיר על פני כל עיה"ק והמקדש**

תודה מיוחדת לגבאי החבורה **מוה"ר חנינא שטיינר הי"ו** - המסור תמיד בלו"נ לכל צרכי חבורתנו

על הארגון המושלם של כל צרכי השבת ברוחניות ובגשמיות בעין טובה ובלב פתוח לרווחה כראוי לכבוד השבת ולזכר נשמת הרה"ק רבי ישיעלה זצ"ל

בתפילה שנזכה לילך מחיל אל חיל תמיד לישב באחדות בחבורה ולהתעלות בתורה חסידות ויראי"ש.

*בני החבורה המוקירים: א"ר פ"ל ח"ש מ"ש יה"ז י"ק ש"פ א"ק א"ג ש"ב י"ז א"ש מ"ש א"ש א"י מ"ל א"א מ"א*

**עטרת יעקב בלאנג איילענד** ותורה **ויראה סאטמאר בקרית יואל** ועוד, לשמוע דברי אלוקים חיים מפ"ק של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** - אחר שהסתופפו בצילא דמהימנותא עילאה על שב"ק.

❧ במוצש"ק הנ"ל, נערכה ב'גרויסע שטוב' בביתו נאוה קודש של כ"ק מרן אד"ש מסיבת הוקרה לבחורי החמד תלמידי הישיבות הגדולות דחסידי סקווירא שהצטיינו והשתתפו ברוב סדרי הלימוד של מסגרת בין הזמנים 'בהיכל מלך'. התלמידים החשובים ניגנו שירי אהבת תורה, ופרע"ח הרב **יעקב יוסף** בהר"י **טווערסקי** שליט"א השמיע את דבר המסגרת בשבח בחורי החמד שהתאמצו לשקוד בתורה בזמנם הפנוי, ורבינו חילק להם לעקאך אחר שהאציל את ברכת קדשו לאמור:

**"די ספה"ק ברענגען עה"פ 'החודש הזה לכם ראש חדשים', אז אויב מ'נוצט אויס דעם חודש ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס משפיע אויף א גאנץ יאר אויך. כ'האב זיך אינטערעסירט און כ'האב געהערט ב"ה אז מ'איז געזעצן און געלערנט, און דאס האט גורם געווען א שמחה. זדא"ה אז די השפעה פון דעם און די אלע השפעות פון די תורה זאלן אויך נמשך ווערן אויף א גאנץ יאר, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות: בראתי יצה"ר ובראתי לו תורה תבלין כנגדו, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, מיט אלע השפעו"ט. ספירה איז דאך שוין אן הכנה צו קבה"ת, דאז"ה ס'זאל זיין א גוטער המשך און מ'זאל זיך קענען צוגרייטן און טאקע מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעו"ט מתוך שמחה אי"ה".**

לפני כן בתום סדר הבדלה וזמירות בשאטער הגדול, הגישו **ראשי מסגרת 'חירותינו'** לפני הקודש את רשימת המוני בחורי **הישיבות הקטנות דחסידי סקווירא** שהשתתפו ברוב סדרי הלימוד בבין הזמנים ולמדו בשקידה רבה. **כ"ק רבינו שליט"א** עבר על הרשימה בעיון ובפרוטרוט, וציוה את ברכת קדשו לאמור: **"ס'שטייט דאך אויף ניסן 'ישועות בו מקיפות, ומנו מתחילות ותוקפות' אז ס'ווערט אלעמאל מער. זדא"ה אז פון די תורה פון ניסן זאלן אויך אלעמאל ניתוסף ווערן די השפעות בגשמיות וברוחניות, בראתי יצה"ר ובראתי תורה תבלין כנגדו, מיט אלע השפעו"ט, מ'זאל קענען גיין מחיל אל חיל און זיך קענען צוגרייטן צו קבה"ת מיט אלע השפעו"ט".**

❧ במוצש"ק פרשת אמור העעל"ט אחר הבדלה, נכנסה הנהלת **בתי החינוך לבנות בית ציפורה דחסידי סקווירא בבארא פארק, בית טראני דחסידי סקווירא בוויליאמסבורג ובמאנסי**, לשמוע דברי התחזקות והדרכה מפ"ק של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** - אחר שתלמידות כיתה י"ב חסו במשך השבת במחיצת הקודש. (תוכן שיחת הקודש ראה לעיל).

❧ במוצש"ק הנ"ל, נקבצו ובאו עשרות בחורי חמד תלמידים **מישיבות וויעליפאל בלעיקוואוד, נחלת יעקב וויען בקאנארסי, ווערדאן, בית מאיר, מאור התלמוד** ו**תפארת אליעזר בבארא פארק, וישיבה גדולה תורה ויראה סאטמאר בקרית יואל**, לשמוע דברי אלוקים חיים מפ"ק של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** - אחר שהסתופפו בצילא דמהימנותא עילאה על שב"ק.

❧ במוצש"ק הנ"ל, נכנס הרה"צ ר' **נחמי' אלתר** שליט"א מראשי ישיבת גור באשדוד בן כ"ק **האדמו"ר מגור שליט"א**, אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

ותיבון מלכות"ו מאוד

ברגשי הערכה יקר וגדולה, אלפי ברכות בזמירות נעלה, למע"כ ידידנו עוז האברך הנודע לתהילה,
משליך נפשו מנגד באופן מעולה, להנאת ורווחת אנ"ש ולכבד את השבת בכסות נאה ברנה וצהלה

**כש"ת מוה"ר יצחק אהרן פעלזנבערג הי"ו - מבעלי "מלכות שטיוול"**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו בכורו שי' למזלא טבא**

**מלאים אנו רגשי התפעלות והערכה על מסירותו המופלאה בלו"נ והשקעת כל מרצו וכוחו לפרוייקט החשוב להמציא "שטיוול" מפוארים ונוחים עבור כלל אנ"ש המכבדים את השבת כראוי**

כל הברכות בזכות השבת יבואו ויתקיימו אצלו, ואך ששון ושמחה ישמע באהלו, ויהי שלום לכל אשר לו.

שותפיו הנאמנים השמחים בשמחתו: יצחק מערל, מנחם מענדל בר"א ליבערמאן / ג"ר מעטצגר: נפתלי חנינא קאופמאן - פועל

✤ ביום שלישי פרשת בהר העעל"ט אחה"צ, נכנסו הרה"ג ר' **יצחק צבי הכהן ווייס** שליט"א אבד"ק אוהעל-ב"פ והרה"ג ר' **חיים אהרן פרידמאן** שליט"א רב דקהל אברכים בב"פ אל הקו"פ **לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

✤ ביום שלישי הנ"ל בערב, ביקרו המחותנים **כ"ק האדמו"ר מוויעליפאל שליט"א** ובנו הרה"ג ר' **שלמה אברהם צבי פרענקל** שליט"א אבד"ק וויעליפאל בלעיקוואוד במעון-קדשו של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, ושם נערכה מסיבת לחיים לרגל אירוסי החתן כמר **יעקב יוסף טווערסקי** ני"ו ממצוייני ישיה"ק בן פרע"ח הרב **חיים מאיר** בהראמ"מ שליט"א עב"ג בת **הגר"ש פרענקל** הנ"ל. (תוכן השיחה ראה לעיל).

*תוכן השיחות יבוא אי"ה*

## מבשר ואומר

**שמחת בר המצוה של הב' חיים מאיר ברי"ד האגער:**

➢ בחדוותא דמלכא עלזו חסידים בכבוד בשמחת הנחת התפלין של נין **כ"ק רבינו**, הב' כמר **חיים מאיר** בן פרע"ח הרב **ישכר דוב האגער** ונכד הרה"צ רבי **יעקב יוסף חדב"ן** והרה"צ ר' **דוד צבי כהנא**, שנערכה בהיכל ביהמ"ד הגדול דפה בבוקר יום חמישי אמור העעל"ט לפני תפילת שחרית וסליחות בה"ב. **מרן אד"ש** כרך את התפלין של יד על זרוע נינו בר המצוה, וכיבד את הסבא רבא **כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי** להניח את התש"ר, והב' חיים מאיר גם עלה לתורה לרגל כניסתו לעול מצוות למז"ט. אחר התפילה יצא **רבינו** למסיבת לחיים וניגנו קול רנה ואשרי איש, חילק לקח ולחיים **לבעלי השמחה** וציבור הנוכחים עברו לאמירת לחיים.

**סעודת המצוה** נערכה בלילה בביהמ"ד וויזשניץ במאנסי במחיצת **האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי** שכיבד את דודו ומחותנו **כ"ק רבינו** ביותרת הכבוד ואת קהל אנ"ש בניגוני שמחה. **רבינו** נסע למאנסי אחר שבירת תענית בה"ב והשתתף במשך כל הסעודה, **הב' בר המצוה** אמר את הפשעטל והפסיקוהו בשירה כנהוג וכן זימן על הכוס. בשב"ק אחר מוסף נערכה מסיבת **קידושא רבא** בהיכל בית מדרשנו הגדול דפה, ובעריכת השולה"ט דעתיקא קדישא כיבדו **רבינו** בברהמ"ז על הכוס.

**שמחת אירוסי החתן יעקב יוסף בהרה"מ בהראמ"מ:**

➢ בגילה ורנה ובקול מצהלות התרגשו עדת אנשי שלומינו בהגיע הבשורה המרנינה בליל ששי קדושים שעעל"ט על שמחת קשרי השידוכין של נין **כ"ק רבינו**, החתן המצויין בתוי"ש ובמידות מוזהבות כמר **יעקב יוסף** ממצוייני ישיבתנו הק' בנו בכורו של פרע"ח הרב **חיים מאיר** בהראמ"מ **טווערסקי** שו"מ ומשגיח בישיבתנו הק' ברכת יוסף, עב"ג הכלה החשובה בת הרה"ג ר' **שלמה אברהם צבי פרענקל** רב דקהל וויעליפאל בלעיקוואוד ומחשובי רבני אנ"ש, בנו של **כ"ק האדמו"ר מוויעליפאל** וחתנו של **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב-שיקאגו** לרפו"ש. ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל!

גמר השידוך נערך למז"ט בלילה הנ"ל בבית **אבי הכלה** בלעיקוואוד כאשר **מרן אד"ש** איחל מז"ט בטלפון, וביום ג' אמור ערך **אבי הכלה** מסיבת אירוסין בבית מדרשו הגדול וויעליפאל בלעיקוואוד בהשתתפות ציבור אנ"ש מתושבי העיר שהתפללו מעריב וספיה"ע עם סב החתן הרה"צ רבי **אהרן מענדיל** שניגש לפני התיבה כש"ץ לבקשת המחותן, ובמהלך המסיבה קראו את שטר זכרון דברים ושברו צלחת, ואת שולחן המזרח פיארו גם הגאון הגדול ר' **ירוחם אלשין** מראשי ישיבת בית מדרש גבוה


ומשרתו יהוש"ע לא ימוש מתוך האהל

ברגשי ידידות כבוד והוקרה, אביע ברכת מז"ט חמה ונהדרה, לידידי איש החסד הנלהב הנודע לתפארה, כביר המעש לעזור ולסייע לבית רבינו ולהטיב לזולת בתדירא, פועל גדולות ונצורות לכל לומדי תורה, רחים ומוקיר רבנן בלו"נ כחשיכה כאורה

**מוה"ר יהושע גאלדקלאנג הי"ו - מנאמני צוות בית כ"ק רבינו שליט"א זה רבות בשנים**

**לרגל השמחה במעונו בהולדת בנו היקר שיחי' למזלא טבא**

**מלא אני רגשי התפעלות בראותי מקרוב את מסירותך המופלאה בלו"נ למען צרכי בית מרן אד"ש**

**לצד תפילתך הנלהבה וקביעת שיעורי תורתיך מדי יום ומעשיך הטובים בצדקה וחסד והכל בהצנע לכת**

יה"ר שיעלה ויצליח לשם ולתפארת יפה יפה, במעלות התורה והחסידות הצרופה, ברוב נחת נהורא מעליא ובריות גופא.

*ידידו ומוקירו המאחל בלב נרגש ; שלמה סטקלאן*

דלעיקוואוד, וכן **כ"ק האדמורי"ם מראחמיסטריווקא-לעיקוואוד, מסקולען-לעיקוואוד, מראחמיסטריווקא-אוקנוויין, מקאסאן** ועוד.

**מסיבת האירוסין** המרכזית לכלל אנ"ש בראשות **מרן אד"ש** נערכה בליל רביעי בהר פסח שני העעל"ט, וכיון שאין מתחילים בב' וד' בשבוע כמנהגינו הקדימו המחותנים להסב למסיבת לחיים צנועה עם בני המשפחה במעון קדשו של **כ"ק רבינו** כאמור, ואחר מעריב וספירת העומר עברו **האדמורי"ם והמחותנים** בשעה 10:15 לשאטער הגדול שהיה גדוש בהמוני חסידים שבאו לשמוח בשמחת הקודש. שורה ארוכה של **אדמורי"ם ורבנים** חשובים מקרובי המשפחה פיארו את במת הכבוד, ובמהלך המאורע שוררו סימן טוב, העושה גדולות, אהללה ה' בחיי, פתחו לי, **ומרן אד"ש** טעם לעקאך ויין מגיתו וחילק מהלקח לנינו **החתן** ולכל **הסבים והמחותנים** ואיחל מז"ט וטללי ברכות לרוב, ופצחו בשירת עוד ישמע, ועל הכל ועוד ניגוני שמחה וההמונים עברו בסך לאחל לחיים **למרן אד"ש ובעלי השמחה**, ואח"כ ליוו את הקודש בשירת אחת נשבעתי. ויה"ר שיעלה הזיווג יפה וברה, לשם ולתפארת האבות הק' ובדרכם הטהורה, ויזכו לראות דורות ישרים ומבורכים בהוד והדרה.

**אסיפת 'להתוודע' להורי תלמידי המוסדות בשיכון:**

➢ ביוזמה מבורכת ראשונה מסוגה ערכו ראשי עסקני **מוסדות התורה והחינוך דשיכון סקווירא** אסיפה רבתית בשם 'להתוודע' לכל אלפי **ההורים והסבים החשובים** אשר צאצאיהם היקרים לומדים ומתחנכים בין כותלי **תלמודי התורה, הישיבות ובתי החינוך לבנות**, מתוך מטרה ראויה ונאותה לשתף את ההורים בפעולות והתרחבות המוסדות שהם שותפים שווים בהם וחלק כחלק יאכלו. **האסיפה הגדולה** התקיימה בערבו של יום א' בהר שעעל"ט באולם החתונות עטרת טשארנא שהיה מלא מקצה לקצה באבות וזקני התלמידים והתלמידות שישבו ליד שולחנות עליהם הוגשה טעימה חמה, ואת שולחן המזרח מילאו **הרה"צ בני כ"ק רבינו** וארבעה עשר אישי חינוך דגולים המכהנים **כמנהלים רוחניים** של כל סניפי התתי"ם והישיבות הקטנות והגדולות והמתיבתא ושיעור ד' ובית החינוך לבנות.

את האסיפה פתח הרה"ח ר' **יצחק יוסף אונגער** מנהל כללי של התתי"ם שקידם את פני ההורים הנכבדים בברכה; את המשא המרכזי השמיע ברמה הרה"ג ר' **שמואל מרדכי וואלנער** ראש ישיבת נתיבות התלמוד בסטעטן איילענד שהרחיב על ייחודו של כל יחיד ויחיד בתוך כלל הציבור ובהמשך גילה טפח מגודל ההשקעה וההתמסרות של מנהלי ועסקני מוסד להצלחת כל תלמיד וניהול את המערך הכספי והצורך להתייחס בכבוד לכל סוגי ההורים המשלמים שכר לימוד; הדומ"ץ **הגרי"י אייזנבערגער** מסר את ברכת קדשו המיוחדת של **כ"ק רבינו** לרגל האסיפה וזל"ק:

**"באמת דאס חשיבות פון די מוסדות דארף מען דאך נישט מסביר זיין, סיי בכמות איז דאך ב"ה דא עטליכע ישיבות גדולות, ישיבות קטנות, תלמוד תורה'ס, און בתי חינוך לבנות, וואס יעדעס איינס איז א מוסד פאר זיך מיט א ריבוי פון תלמידים ותלמידות בליעה"ר; און סיי באיכות לייגן די מחנכים אריין גרויסע כוחות צו הייבן די תלמידים אין תורה, יראת שמים, חסידות, צניעות, מידות טובות און אין אלע עניינים.**

**"פארשטייט זיך אז צו דעם יששכר דארף מען דאך צוקומען צו דעם זבולון, דארף מען טאקע דערמאנען לשבח די חברי הנהלת המוסדות וואס ס'שוין צענדליגער יארן וואס די 'הוצאות' פון די מוסדות קומען ב"ה כסדר צו, און די אלע יארן האט דער וועד צוגעשטעלט די תשלומין אויפ'ן טאג. און יעצט אז די מוסדות זענען ב"ה געוואקסן אויף אזא פארנעם, איז געווען א הכרח צוצולייגן נאך חברי הוועד און ב"ה זיי לייגן אריין גרויסע כוחות, אז ס'זאל ווייטער קענען אנגיין ביתר שאת וביתר עוז.**

**"דער אייבירשטער זאל העלפן אז פון די אסיפה זאל ארויסקומען די ריכטיגע תועלת סיי פאר די**

מפעל "חלקינו עמהם" דשיכון סקווירא
לחלוק כבוד לתלמידי חכמים אשר תורתם אומנותם בתמיכות שונות
~ תושבי השיכון הכונו הכונו ~
**מסיבת "חלקינו עמהם"** - לטובת המפעל הקדוש
נקבעה בעז"ה ליום שלישי פרשת במדבר הבעל"ט
**רעזערווירט דעם דאטום** / פרטים חשובים ב'בראשור' המפואר בשב"ק הבעל"ט
**ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך ולומדים תורתך באמת ושים חלקינו עמהם**
מפעל חלקינו עמהם

**עלטערן און סיי פאר די הנהלת המוסדות, אז מ'זאל קענען מחנך זיין די קינדער אויף אן אופן פון מוסיף והולך ומעלין בקודש, דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל זיין געזונט, טאקע האבן נחת פון די קינדער, און מ'זאל זיך קענען גרייטן צו קבלת תורה און מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות בגשמיות ורוחניות מתוך שמחה ונחת תמיד"**.

העסקן הגדול מוה"ר **אלעזר מאשעל** מראשי ועד הנהלת המוסדות זה שלושים שנה נטל לראשונה את רשות הדיבור וגולל את התפתחות המוסדות ב"ה שפרוסים כיום בתשעה בנייני ענק פה בשיכון ועוד כמה מחוצה לו עם למעלה מחמשת אלפי תלמידים בלעה"ר ולמעלה משמונה מאות עוסקים בעבודת החינוך והרבצת התורה, ולכן מינה **כ"ק רבינו** לאחרונה עוד **ארבעה חברי ועד הנהלה** שנרתמו לסייע לשגשוג המוסדות במלוא העוצמה והתפעלו מאוד כאשר נגלה לעיניהם תמונת מצב המוסדות, ולכן ביקשו לשתף את ההורים בגילויים המרגשים כיצד מוסדות החינוך עומדים ברמה גבוה ביותר בס"ד ברוחניות בזכות השקעת צוות המחנכים והמנהלים ותודות להורים המשלמים שכ"ל בעיתם ובזמנם ובכך זוכים לרוות נחת דקדושה, וההנהלה רוצה מאוד לשמוע תגובות והצעות וביקורות מההורים כדי לדעת כדת מה לעשות וכיצד לשפר ולייעל את עבודת הקודש.

אחריו חשף מוה"ר **שמואל שטערן** מקרית יואל לציבור ההורים על רשמי היכרותו עם חברי הנהלת המוסדות הוותיקים והחדשים, שכולם פועלים במרץ לרומם את קרן המוסדות וזריזים להוציא כל יוזמה ממחשבה למעשה; ולהפתעת והנאת הנוכחים הופסקה דרשתו כמה פעמים באמצע ע"י כמה הורים חשובים שסיפרו במיקרופון על התפעלותם ממבצעים ופרטים שונים של מחנכי ועסקני המוסדות: הרה"ח ר' **משה יעקב** ברי"ש **ביסטאן**, הרב **פינחס** בר"צ **שפיטצער**, הרב **יקותיאל יהודה שפוטץ** ומוה"ר **בנימין** זאב בר"י ברמ"ג **שפיטצער**. בשיא המעמד עלה לדוכן חבר הועד החדש מוה"ר **מנחם נחום ברוין** המופקד על ניהול הכספים, ובליוויו המשעשע של איש האשכולות מוה"ר **יודל בירנהאק** מסר דו"ח מפורט ומנומק של הוצאות המוסדות לשנה בסך ארבעים מיליון דולר לעומת ההכנסות השנתיות בסך שווה, כאשר להורים ניתנה הזדמנות ע"י מערך קליקרים לנסות ולהשיב לשאלות שהופיעו על מסכי ענק כמה עולה מספר הצוות ב'היי סקול', כמה מחנכים ואנשי צוות יש בתתי"ם, וכמה כסף נכנס לקופת המוסדות ע"י אולמי החתונות וחנות הבשר וכדו'.

ליד כל מושב הונחה חוברת עשירה וצבעונית **'דאקומענטאציע'** שמתארת במילים מרגשות את סדרו של יום אחד בקרב המוסדות החל משעות פארטאגס ועד חצות הליל, בליווי תמונות חינניות של ילדי חן ובחורי חמד בהסעות ובלימודים, בחדר האוכל ובמשחקים וכן הלאה. המוני ההורים שבו לבתיהם וליבם מלא רגשי הכרת הטוב לשותפיהם בחינוך צאצאיהם העושים לילות כימים למען הקמת לגיון של מלך זרע ברך ה'.

גליון השבוע נתנדב ע"י ידידנו הנדיב הדגול מוה"ר **יודל גוטוויין** הי"ו מב"פ

**לכבוד יומא דהילולא של התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי זי"ע**

תורתו מגינת לנו היא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדוננו בר יוחאי


Renewal
זי איז
צוויי
יאר אלט
זי וויל
לעבן
זי ווארט אויף א ריכטיגע שליח וואס זאל איר שענקן א נייע ניר
נעמט א סוואב טעסט
ראטעוועט איר לעבן
דעם דינסטאג
פרשת בחוקתי
מענער לאקאציע
הויפטקווארטיר פון ערשטע הילף
24 Jefferson Avenue
Spring Valley, NY
פון 8:00 ביז 11:00 ביינאכט
פרויען לאקאציע
9 Slavita Road
Spring Valley, NY
פון 6:00 ביז 11:00 ביינאכט
דאס געשריי פאר לעבן

ב"ה

# הדלקה רבתית

בחצרות קדשינו

## ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## הזדמנות מיוחדת לכל אחד

**לקנות לעצמם בהאי יומא דקא גרים זכותים הגדולים והנשגבים**
**ולצוק שמן זית לכבוד התנא האלוקי**

| | | |
|---|---|---|
| זכות מים לשתי' | א סקיט וואסער | $540 |
| זכות לחיי"ם ולברכה | גרעיפ דזשוס | $360 |
| זכות ח"י רוטל | קאלטע טרינקן | $180 |
| זכות סעדני ואושעה | מאכלים חמים | $100 |

יעדער קויפט א זכות ח"י רוטל

אחרי מעמד ההדלקה
יוגש בהרחבה
לכל הקהל הקודש

**מאכלים חמים ומשקאות**

בהיכל בית
מדרשינו הגדול

לכבוד היום הגדול
בהילולא דבר יוחאי

## שמן משחת קודש

הננו בזה להודיע כמו בשנים שעברו כל
**המשתתפים בההדלקה בסכום של $36**

**יזכו לצוק 'שמן זית'**
זכות הגדול שתהא שלהבת ההדלקה עולה
לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי

**אב מזכה בנו - בחור / ילד: בסכום של $10**

בר יוחאי אור מופלא
רום מעלה

**המםונים ישבו בביהמ"ד ביום ל"ג בעומר בבוקר, ולפני ההדלקה**
או יכולים למסור להממונה מו"ה יעקב יוסף (בר"נ) גאלדקלאנג הי"ו 845.548.7373

# צו אייער טיר!

באקומט דעליווערט צו אייך אין שטוב!*

| גרייטע "בר מצוה" מתנה שיין איינגערעפט | זמירות אדער פאר אייער שמחה (מיט לעיבלס) | בית המעיינות "סערטיפיקעט" פאר אייער קלאס | סיי וועלכע ספר פון בית המעיינות | מזכרת פאר שבת התוועדות, מעמד אד"ג | יו עס בי אנגעפילט מיט דרשות און שיעורים | חתן כלה לעדערנע סקווירער מחזורים |
|---|---|---|---|---|---|---|

## רופט אריין אין "בית המעיינות"

845 362.1525 #3

אדער רופט דער נציג בית המעיינות

מוה"ר **מנחם נחום האכהייזער** הי"ו

845.570.3155




### מודעה משמחת לעסקני המוסדות!

יעדע וואך **פרייטאג צופרי**, פארט ארויס דער **נציג בית המעיינות** צו די פאלגנדע שטיבלעך:

**מאנסי** -ראמען,פרעסיס,ספרינגוואלי. **וויליאמסבורג** -צמחדוד. **בארא פארק** - 12, 17, 14, 44. **סטעטן איילענד**.

אויב ווילט איר מיטשיקן סיי וועלכע **'גליון** אדער **'מודעה** וכדומה צו די אויבנדערמאנטע שטיבלעך, פאר א מינימאלע אפצאל, רופט אונזער נציג מוה"ר **מנחם נחום האכהייזער** הי"ו, אויף **845.570.3155**, ביז **דארנערשטאג פארנאכטס 7:00**, און מען וועט עס אי"ה מסדר זיין לשביעות רצונכם עצהיו"ט.

נעמט אין אכט! **די ספעציעלע נייע זומער שעות: 8:30-10:30 ביינאכט**

*פאר א מינימאלע אפצאל:

**אין שיכון** $5 | **מאנסי** $10 | **אין שטאט**: ביי די נציגי השטיבלעך (יעדע פרייטאג) בחינם!

Hello@IconicArt.us

impactmedia.group

קופת תומך ישראל לעניי עירנו

לע"נ הרה"ח ישראל חד ב"ר יצחק
שמעון אסטרייכער ע"ה מייסד הקופה

# גאנץ סקווירא לייגט אויף.

$3

לשובע סיין-אופ דרייוו

מיטוואך בחוקותי

$3 א וואך

- ס׳גייט אויטאמאטיש פונעם פיש אדער פלייש געשעפט
- ס׳איז די גרעסטע צדקת מתן בסתר פאר עניי עירינו
- ס׳איז בלויז דריי דאלער, אבער ווייטגרייכנדע אפעקטן!

לשובע

פיש און פלייש פאר היימישע משפחות